STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10703

# MAYNE FRAYNT DI SHVARTSYAMISHE KRIGER

L. Lagin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. לאגין

# מײַנע פֿרײַנט
# די שװאַרציאַמישע קריגער

(פֿראָנט-נאָטיצן)

עגיז
מעלוכע-פֿאַרלאַג „דער עמעס"
מאָסקװע 1947

# אינהאלט


| | זײַט |
|---|---|
| ווידמונג | 3 |
| רײַע | 5 |
| צוויי העלדנ | 14 |
| וועגנ צעזאר קוניקאָוו | 20 |
| קאפּיטאנ פונ צווײַטנ ראנג ראטנער | 35 |
| ווענג דעמ דרײַסטנ קוניקאָוועצ לעאָניד גערשמאנ | 46 |
| יויסעפ בערמאנ פונ שטעטעלע פּוכאָוויטש | 53 |
| פּיאָטער טשעסלער | 63 |
| דער סאפּיאָר מאטוויי ווערכאָלאז | 73 |
| דער העלדישער רעפּאָרטיאָר אלעקסאנדער כאמאדאנ | 79 |
| די דיפּלאָמ־ארבעט פונעמ אינזשעניער גורעוויטש | 86 |
| עטלעכע ווערטער וועגנ דעמ קאפּיטאנ מישע כאַיט | 92 |
| דער זעניטלער באָריס גאָרעל | 96 |
| עלטערער גווארדיע־לײטענאנט לײב קודיש | 100 |
| מאיאָר ניכאמינ פונ וויטעבסק | 104 |
| קאוואלער פונעמ נאכימאָוו־אָרדענ | 110 |


---


Редактор *Ш. Ройтман*. Художник *Г. Ингер*. Техредактор *А. Кантор*.

Сдано в произв. 21/I—47 г. Подп. к печ. 24/V—47 г. Б-02789. Печ. л. 3,75. Уч.-изд. л. 4,25. Тип. зн. в л. 47500. Формат бум. 70x108 1/32. Тираж 7000 экз. Заказ № 64.

Набрано в 13-й типогр. „Полиграфкнига" ОГИЗа при Совете Министров СССР. Москва, Денисовский пер., № 30.

Отпечатано в типогр. Госизд. „Дер Эмес", Москва, Старопанский пер., 1.

איך האָב געהאט א ברודער. ער האָט געהייסן פײַוויש גינזבורג. ער איז געווען א קוואליפיצירטער אינזשעניער און א טײַערער מענטש מיט א ברייט הארץ און א ריינער נעשאָמע. איצט וואָלט ער אלט געווען פערציק יאָר. פון ערשטן טאָג מילכאָמע האָט ער זיך געבעטן אפן פראָנט — זיך שלאָגן קעגן די פאשיסטן. מע האָט אים לאנג ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט זיך אָבער דאָך דערשלאָגן זײַנס. הארבסט 1942 האָט זיך אים אײַנגעגעבן פרײַוויליק אוועקצוגיין אין דער רויטער ארמיי. מע האָט אים געוואָלט איבערלאָזן אלס לערער אף קורסן פון יונגערע קאָמאנדירן, ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט מיר געשריבן: „אויב איך וועל ניט גיין אף דער פאָדער־ליניע, ווי וועל איך קאָנען קוקן אין די אויגן מײַן זון און מײַן טעכטערל, ווען זיי וועלן בא מיר שפּעטער, נאָך דער מילכאָמע, פרעגן, וויפל פאשיסטן האָב איך דערהארגעט".

ער האָט אָנגעפירט מיט א קעגנטאנק־באטאריי און איז אומגעקומען ווי א העלד אין די אָנגריף־שלאכטן בא אָריאָל זומער 1943.

זײַן ריינעם און ליכטיקן אָנדענק ווידמע איך אָט דאָס ביכל פראָנט־נאָטיצן וועגן מײַנע פרײַנט — די שווארציאמישע קריגער. יעדערער פון זיי וואָלט געזען אין אים זײַן ערלעכן, דרייסטן און באשיידענעם שלאכט־פרײַנט.

דער אווטאָר

# רײַע

אָט איז דער שלאַכט-וועג פונעם עלטערנ גווארדיע-לייטענאנט פונ מעדיצינ-דינסט ראיִסע מיכײַלאָוונע הייכבערג, וואָס איז מאכמעס דער יונגקײַט אירער מער באוווסט אונטערנ נאָמענ רײַע.

זי איז געבוירנ געוואָרנ אינ אָדעס אינ 1924. דער פאָטער אירער, אנ אקטיווער אָנטײלנעמער פונעם בירגער-קריג, איז געוועזנ אנ ארבעטער א שינדל-דעקער. דערנאָכ איז ער, ווי פיל טויזנטער אנדערע פאָרגעשריטענע ארבעטער, אוועק זיכ לערנענ. אינ עטלעכע יאָר ארום האָט ער געענדיקט יורידישע העכערע קורסנ אונ איז מיט דער גאנצער מישפּאָכע אריבערגעפאָרנ קײנ כאבאראָווסק. דאָרט האָט רײַע אינ מײַ 1941 געענדיקט א מעדיצינישנ טעכניקום. זי האָט זיכ אינ הארבסט געקליבנ צום נײַעם לערניאָר אָנקומענ אינ א מעדיצינישנ אינסטיטוט, אונ דערווײַל איז זי אוועקגעפאָרנ קײנ לענינגראד צוגאסט צו אירע קרויווים.

דעמ 20 יונ איז זי געקומענ צו פאָרנ קײנ לענינגראד, אונ דעמ 22-טנ, אינעם ערשטנ טאָג מילכאָמע, איז זי פרײַוויליק אוועק אפנ פראָנט. מע האָט זי באשטימט אלס קאָמאנדיר פונעם סאניטאר-רינג אינ דער בריגאדע טאָרפּעדנ-קאטערס פונעם רויטפאָניקנ באלטישנ פלאָט.

שוינ אינ עטלעכע וואָכנ ארום איז רײַע דעמ ערשטנ מאָל קאָנטוזיעט געוואָרנ. דאָס איז געווענ בײַס א פארביטערטער שלאכט

באם פאָרט „קראסנאיא גאָרקא״. רייַע האָט זיך געגרייט עוואקויִרנ די פארוואונדעטע קיינ קראָנשטאט. עס זייַנענ אָנגעפלויגנ דייַטשישע אעראָפּלאַנענ. קיינ סאניטארנ זייַנענ דערבייַ ניט געווענ. זיי זייַנענ איִנ דער צייַט געווענ אפנ שלאכט-פעלד. רייַע האָט אליינ גענומענ אריבערטראָגנ די פארוואונדעטע איִנ א באהעלטעניש. דאָס דארינקע מיידל, מיט די געקרייַזלטע האָר אונ א ביסל ארויסטארטשענדיקע אויגנ, האָט באוויזנ אריבערשלעפּנ נייַנ פארוואונדעטע. ווענ זי האָט זיך אומגעקערט נאָכנ צענטנ, האָט זיך איִנ דער נאָענט אופגעריסנ א באָמבע. א שווער קאָנטוזיעטע, האָט רייַע פארלוירנ דעם באוווּסט-זייַנ. איצט האָבנ שוינ די פארוואונדעטע געגעבנ איר די ערשטע הילפ אונ אָפּגעמינטערט זי. די שלאכט האָט נאָך געדויערט. רייַע האָט זיך אליינ איבערגעבונדנ דעם קאָפּ (בא איר האָט געפּלאצט דאָס פויִק-הייַטל איִנ לינקנ אויער) אונ האָט זיך ווייַטער גענומענ צו איר ארבעט. אָוונט-צו האָט זי ווידער פארלוירנ דעם באוווּסטזייַנ.

איִנ א כוידעש ארום האָט זי זיך אומגעקערט פונ קראָנשטאטער שפּיטאָל איִנ איר טייל, אפ דער פראָנט-ליניע.

רייַע האָט געהאט א טרייַע כאווערטע גאלקא, ריכטיקער — גאלינא מיכייַלאָווּנא ניקיטענקאָ. באקענט האָבנ זיי זיך נאָך אמאָל, איִנ אָדעס. איצט, בייס דער מילכאָמע, האָבנ זיי זיך ווידער באגעגנט אפ דער שפּיטאָל-שיפ, וווּ זיי האָבנ צוזאמענ געארבעט, געטיילט לייד אונ פרייד.

לענינגראדער הארבסט 1941. שווערע, קימאט אומופהערלעכע שלאכטנ. איינמאָל — אָקטיאבער איז עס געווענ — בייס א שלאכט, האָבנ רייַע מיט גאלינענ געדארפט ארופנעמענ אפ דער שיפ א פארוואונדעטנ פונ א שיפל. צוויי רויטפלאָטלער האָבנ אימ דערלאנגט פונ אונטנ, אונ רייַע מיט גאלינענ האָבנ זיך אראָפּגעבויגנ איבערנ פּאָרענטש פונעם טראפּ אונ האָבנ אימ ארופגעהויבנ אפ דער שיפ. איִנ דעם מאָמענט האָט זיך סאמע לעבנ באָרט פונ שיפ אופגע-

ריסנ א פייַנטלעכער סנאַריאַד. גאַלינע האָט אָפּגעריסנ ביידע הענט.

זי איז נאָכ געווענ באַם באַוווסטזייַנ אונ האָט געזוכט מיט די אויגנ רייַען. יענע איז אָבער מיט איינ אונ צוואַנציק שפּליטערס אינ קאָפּ געלעגנ אָנ באַוווסטזייַנ אינ א שכייניש קאַיוטע.

— גיט איבער רייַען, אז איכ שטאַרב... זאָל זי לעבנ פאַר אונדז ביידנ... — האָט אויסגעשעפּטשעט גאַלינא ניקיטענקאָ אונ איז אויסגעגאַנגענ.

נייַנצנ שפּליטערס האָט מענ באַ רייַען פונ קאָפּ ארויסגעשלעפּט, צוויי זייַנענ געבליבנ. ס'איז געווענ ריזיקאַליש זיי ארויסצונעמענ. אינ א צוויי כאַדאָשים ארום האָט מענ זי ארויסגעשריבנ פונ שפּיטאָל אונ פאַרגעלייגט דרייַ כאַדאָשים אורלויב. רייַע האָט זיכ אָבער אָפּגעזאָגט. זי האָט געפילט, אז זי מוז וואָס גיכער ווייַטער אוועק אפנ פראָנט. זי האָט דאָכ געדאַרפט לעבנ אונ זיכ שלאָגנ פאַר צוויי — פאַר זיכ אונ פאַר גאַלינענ.

אינ דער נייַ-יאָר-נאַכט פונ 1942 איז זי ווידער שווער קאָנטוזיעט געוואָרנ. דאָס מאָל לעבנ דעם פאָרט „סעראַיא לאָשאַד". אינ שפּיטאָל האָט מענ געהאַלטנ, אז זי איז האָפענונגסלאָז. זי איז אָבער לעבנ געבליבנ. ניט דערוואַרט זיכ ביז זי איז אינגאַנצנ געזונט געוואָרנ, איז זי אנטלאָפנ פונ שפּיטאָל אינ טייל. ס'איז דעמלט קיינ צייַט ניט געווענ צו היילנ זיכ. זי האָט מילכאָמע געהאַלטנ אפ דער לענינגראַדער „קליינער ערד". באַנאַכט פלעגט זי באַ די פריצנ אונטער דער נאָז „גאַנווענענ פּאַרווונדעטע". איינמאָל בייס אזא אָפּעראַציע איז זי אליינ פאַרווונדעט געוואָרנ אינ פוס, נאָר זי האָט זיכ אפילע ניט געווענדט אינ שפּיטאָל.

דעם 5 פעווראַל 1943, אינ דעם טאָג, ווענ רייַענ איז געוואָרנ נייַנצנ יאָר, האָט זי באַקומענ די שענסטע מאַטאָנע — מע האָט זי ווידער אריבערגעפירט אינ איר פריערדיקנ טייל — אינ דער בריגאַדע

ון טאָרפּעדנ-קאטערס. דעמ זיבנ אונ צוואנציקסטנ פּעווראל האָבנ זיכ דרײַ באלטישע רויטפלאָטלער, אונ צווישנ זיי רײַע הייכבערג, פרײַוויליק געמאָלדנ צו לאָזנ זיכ אפּ א שיפּל ראטעווענ פארווונ-דעטע פונ אונדזערנ אנ אומקומענדיקנ טאָרפּעדנ-קאטער.

ארומ האָבנ זיכ יעדער רעגע געריסנ סנאריאדנ אונ אופגעהויבנ הויכע וואסער-זײַלנ. די אומקומענדיקע שיפּ האָט זיכ שוינ קוימ געהאלטנ אפנ וואסער. עס האָט קיינ זינ ניט געהאט, אז אלע זאָלנ ארופ אפ איר. זי האָט זיכ געקענט איבערקערנ. איבער דעמ קימאט שטיילנ אויבערדעק האָט זיכ גענומענ קאראטשקענ רײַע, זי איז דאָכ געווענ די לײַכטסטע פונ זיי אלע. זי איז ארופגעקראָכנ אפנ צעשעדיקטנ קאטער אונ האָט אראָפּגעלאָזנ אינ שיפּל פיר פארווונ-דעטע. דערנאָכ האָט זיכ דאָס שיפּל געלאָזט צו דעמ הינטערטייל, ווײַל פונ דאָרט איז באקוועמער געווענ אראָפּנעמענ רײַענ. נאָר גאָר נאָענט האָט דורכגעפײַפט א סנאריאד. ער האָט געטראָפנ אינ שיפּל, צעריסנ עס מיט אלע מענטשנ צוזאמענ אפ פּיצ-פּיצלעכ, אונ רײַע איז געבליבנ אליינ אפ דעמ זיכ טרינקענדיקנ קאטער.

זי האָט זיכ אָנגעכאפּט פאר א רעטונגס-רונג, וואָס איז געהאנגענ דערנעבנ, ער האָט זיכ אָבער ארויסגעגליטשט פונ אירע פארקאלי-עטע פינגער אונ איז ארײַנגעפאלנ אינ וואסער. רײַע האָט געוואָלט אראָפּשפּרינגענ נאָכ אימ אינ וואסער ארײַנ, האָט אָבער אנ אופרײַס זי אָפּגעשלײַדערט ווײַט אינ יאמ ארײַנ. אינ א מינוט פינפ ארומ האָט זי ארופגענומענ א פארבײַגייענדיקער קאטער. מע האָט זי איבער-געטאָנ אינ טרוקענע קליידער אונ געגעבנ הייסע טיי פונ א טערמאָס אפּ צו דערוואָרעמענ זיכ.

זי האָט זיכ נאָכ ניט באוויזנ ווי געהעריק אָנצוואָרעמענ, האָט מענ זי שוינ ארויסגערופנ אפנ אויבערדעק צו געבנ הילפ א פאר-וווּנדעטנ קאָמאנדיר. זי איז ארופ פונקט אינ דער רעגע, ווענ א סנאריאד האָט אראָפּגעריסנ די נאָז פונעמ קאטער. רײַענ האָט עס

דערלאנגט א שלײַדער ארויף און א זעץ אָנעם קאנט פון דער דעק־קאבינע. דעם פארוואונדעטן קאָמאנדיר האָט דער אופּרײַס אראָפּגע־וואָרפן אין וואסער, און ער איז ווי א שטיין אוועק צום גרונט. דעם מיטשמאן — דעם כּטארשינא פון קאטער — האָט אויך אראָפּגע־וואָרפן אין יאם אריין, נאָר ער איז צוריק צוגעשווומען צום קאטער. ווען ער איז ארויסגעקראָכן פון וואסער, האָט ער דערזען ליגן רײַען א געכאלעשטע. ער האָט זי אָפּגעמינטערט און ווי־ניט־איז איבערגעבונדן. בא איר זײַנען געווען צוויי שפּאלטן אינעם לינקן אקסל־געלענק, דער טריט פון דעם לינקן פוס איז געווען אין דריי ערטער איבערגעבראָכן.

אינגיכן האָט זיך דער קאטער אָנגעהויבן טרינקען.

— שפּרינגט! — האָט א געשריי געטאָן דער מיטשמאן און האָט איר דערלאנגט א רעטונגס־רונג. זי האָט זיך אײַנגעקלאמערט מיט דער געזונטער האנט אינעם רונג און האָט א שפּרונג געטאָן אינעם אײַזקאלטן וואסער. דאָרט האָבן זיך פארן רונג אָנגעכאפּט נאָך צוויי פארוואונדעטע רויטארמייער. אזוי זײַנען זיי געשוווּמען, האלטנדיק זיך זאלבעדריט אָן איין רעטונגס־רונג.

עס האָט שוין געגומען טאָגן. נידעריק איבערן וואסער האָבן זיך געדרייט „מעסערשמידטן" און האָבן ניט געײַלטערהייט, מיט דער רוי־קײַט פון פראָפעסיאָנעלע מערדער, צעשאָסן די פארוואונדעטע, וואָס האָבן זיך געבאָברעט אינעם וואסער. די רייע איז אויך דערגאנגען צו רײַען און אירע באגלייטער. א „מעסערשמידט" האָט געמאכט צוויי קרײַזן איבער זיי, האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן, ניט גע־טראָפן און איז אוועקגעפלויגן צוריק. ווײַזט אויס, אז בא אים האָבן זיך אויסגעלאָזן די רעזערוו קוילן.

האלטן זיך אפן אײַזקאלטן וואסער איז געווען אומענטשלעך שווער. די פארקאלייעטע הענט און פיס זײַנען געוואָרן ווי שטיקלעך האָלץ. מע האָט זיך געמוזט כאָטש א ביסל אָנווארעמען, קעדיי ניט

ארויסצולאָזן פון די הענט דעם רעטונגס-רונג. האָסטו ארויסגעלאָזן — ביסטו א פארפאלענער.

— יאטן, — האָט רײַע געזאָגט צו אירע באגלייטער, — לאָמיר דערציילן אנעקדאָטן. עפשער וועט אונדז פון לאכן ווערן א ביסל ווארעמער.

און זיי האָבן אָנגעהויבן דערציילן איינער דעם צווייטן אנעקדאָטן, קנאקנדיק מיט די ציין פאר קעלט. זינט די וועלט איז א וועלט און זינט דער ערשטער וויצלינג האָט אויסגעטראכט און דערציילט זײַן ערשטן אנעקדאָט, האָט מען נאָך געוויס ניט דערציילט קיין אנעקדאָטן אין אזא טראגישער און פאנטאסטישער סיטואציע. בא אירע באגלייטער סערגיי און ניקאָלײַ האָט זיך איינגיכן ארויסגעלאָזן דער גאנצער זאפאס אנעקדאָטן, דעמלט האָט אָנגעהויבן דערציילן רײַע. ניט אומזיסט האָט זי געשטאמט פון אָדעס. זי האָט דערציילט איינע פריילעכע געשיכטע נאָך דער צווייטער, די כעוורע האָבן גע-קײַכט פון געלעכטער, און זיי האָט זיך געדוכט, אז ס'איז געוואָרן א ביסל ווארעמער. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן טרינקען דער שווער פארוואונדעטער סערגיי.

— כעוורע, באלד וועל איך דערטרונקען ווערן, — האָט ער א מורמל געטאָן, קוים באוועגנדיק מיט די בלויע ליפן. — בא מיר האָבן זיך שוין ארויסגעלאָזן די קויכעס. און איך בין שוין איינגאנצן ווי א שטיק אײַז...

רײַע און ניקאָלײַ האָבן מיט ווייטעק געקוקט, ווי עס קומט אום זייער כאווער. ביידע שווער פארוואונדעטע, האָבן זיי אפילע ניט געקאָנט ארויסציִען אים א האנט. נאָך דער דרײַשאָיִקער קאלטער וואנע האָבן די פינגער זיך צונויפגעדרייט און זײַנען אזוי ווי פארשטיינערט געוואָרן. זיי האָבן אים געטויטשעט מיט די קעפּ, מיט די פיס, פרווונדיק אזוי פארשנעלערן דעם לאנגזאמען קרײַזלויף פון זײַן בלוט, זייערע אלע פרווון האָבן אָבער צו קיין זאך ניט

געבראכט. סערגיי האָט ארויסגעלאָזט פון די הענט דעם רעטונגס-רונג און איז אוועק צום דעק. אומזיסט האָט רייע געפרווט אויסציִען צו אים איר געזונטע פוס. ער האָט שוין קיין קויעך ניט געהאט זיך אָנכאפן אָן אים.

און דערנאָך האָט ניקאָלײַ געוויינט, און זי האָט געשוויגן.

דאָס אלץ איז פאָרגעקומען שוין א וועלכע פופציק מעטער פון ברעג. ענדלעך האָבן די כוואליעס ארויסגעוואָרפן זיי אפן ברעג. רייע געדענקט ווי דורך א נעפל, ווי עס זײַנען געלאָפן זיי צוהילף די רויטפלאָטלער פון דער ברעג-שוץ, ווי מע האָט זי ארײַנגעטראָגן אין עפעס א צימער, ווי מע האָט זי געמינטערט, ווי איבערן קערפער האָט זיך ענדלעך צעגאָסן אזא מילדע, טײַערע ווארעמקייט. מער געדענקט זי קיין זאך ניט. זי איז געקומען צו זיך אין זיבעצן מעסלעס ארום.

אין דרײַ כאדאָשים ארום איז זי ארויס פון שפיטאָל. די לינקע האנט האָט נאָך שלעכט געארבעט. די פאלאנגעס פון די פינגער אפ דעם לינקן פוס האָבן זיך שלעכט צונויפגעוואקסן. זי האָט באקומען א צײַגעניש, אז צו באַליטער-דינסט טויג זי שוין מער ניט.

רייע האָט אָבער ניט געקענט אוועק פונעם שלאכט-לעבן. שוין זשע דארף מען מער ניט האָבן אפן פראָנט קיין געניטע מעדיצין-טוער, וואָס זײַנען אדורכ פײַער און וואסער? זי האָט באוויזן דער קאָמיסיע: יעדן באנדאזש, אפילע דעם שווערסטן, אפילע „היפאָ-קראטס היטל”, קאָן זי מאכן מיט דער רעכטער האנט אליין, זי קאָן איבערבינדן אפילע אן אקסל, אפילע אפ די לענדן ארופלייגן א באנדאזש. נאָר קיין זאך האָט ניט געהאָלפן. רייען האָט מען דעמאָביליזירט מיט א צײַגעניש, אז זי איז אן אינוואליד פון דער צווייטער גרופע.

די געשיכטע וועגן דעם, וויאזוי רייע האָט זיך דאָך דערשלאָגן, אז מע זאָל זי ווידער שיקן אפן פראָנט, וואָלט געקענט זײַן א

מאטעריאל פאר א גוואלדיק שפאנענדיקער דערציילונג, אינ וועלכער טראגישע מאָמענטנ זײַנענ אָפּט אויסגעמישט מיט קאָמישע. דער פּאקט בלײַבט א פאקט — רײַע האָט זיכ פּאָרט דערשלאָגנ אירס: מע האָט זי געשיקט אפנ פראָנט. דאָס מאָל אפ דער יאבאָשע, אלס קאָמאנדיר פונ א סאניטאר-ווזוואָד אינ א פּאָלק פונ א דיוויזיע, וואָס האָט דעמלט אָפּערירט אינ קובאנ.

אינ די שלאכטנ בא קיִעווסקאיא איז זי צום דריטנ מאָל שווער פארוווּנדעט געוואָרנ. דאָס איז געוועג די זיבעטע וווּנד, כוץ די קאָנטוזיעס. צוויי קוילנ שטעקנ נאָכ ביז הײַנט צו טאָג אינ איר רעכטנ פוס, ווײַל פונ שלאכט-פעלד איז זי ניט אוועק. אונ אינ פיר טעג ארום איז שוינ געווענ שפּעט צו אָפּערירנ.

דאָס וואָלט נאָכ געווענ א האלבע צאָרע. אינ שפּיטאָל זײַנענ אָבער די דאָקטוירימ ווידער געקומענ צום אויספיר, אז זי איז אנ אינוואליד פונ דער צווייטער גרופּע אונ האָבנ זיכ געקליבנ שיקנ זי אפ א מעדיצינישער קאָמיסיע, קעדיי זי צו דעמאָביליזירנ. רײַע האָט אָבער באצײַטנס אָנגענומענ די נייטיקע מיטלענ אונ האָט ווידער אויסגעפירט אירס.

דאָס מאָל האָט מענ זי באשטימט אלס עלטערנ מיליטערישנ פעלדשער אינ א גווארדיײַשנ טייל, וואָס האָט אָפּערירט אפ דער נאָוואָראָסיִיסקער „קליינער ערד". דאָ האָט זי מילכאָמע געהאלטנ ביז דעמ מאָמענט, ווענ מע האָט די דײַטשנ פארטריבנ פונ נאָוואָראָסיִיסק. דערנאָכ האָט זי זיכ באטייליקט אינ נעמענ די סטאניצעס ראיעווסקאיא אונ אנאפּסקאיא, אינ באפרײַענ אנאפּע אונ טאמאנ. פונ אנאפּע איז זי געפּאָרנ מיט א דעסאנט צום טאמאנער לאנד-צונג: דער מאָטאָבאָט, אפ וועלכנ זי איז געפּאָרנ, האָט זיכ אופגעריסנ אפ א מינע אונ איז דערטרונקענ געוואָרנ. אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ די זאכנ, איז רײַע בעשאָלעמ דורכגעשווומענ דעמ קילאָמעטער, וואָס איז געבליבנ ביזנ ברעג.

שוין באַם פאַרנעמען טאָמאַן איז זי ווידער קאָנטוזיעט געוואָרן און פאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד. עס האָבן זיך געעפנט די אַלטע וווּנדן, און מע האָט זי ווידער געשיקט אַף קאָמיסיע. זי האָט אָבער ווידער באַוויזן וווּנדער פון געשיקטקייט און דיפּלאָמאַטיע, און אָנ־שטאָט זי צו דעמאָביליזירן, האָט מען זי געשיקט אַלס נאַטשאַלניק פונעם אופנעם-צימער פון דער נ-ער כירורגישער גרופּע מאַנעווער-שפּן, ווו איך האָב זיך טאַקע מיט איר באַגעגנט. ריי‏ַע האָט גע־בענקט נאָך פראָנט. זי האָט געהאַלטן, אַז איר נייַע אַרבעט איז צופיל אין הינטערלאַנד, האַגאַם פון דער דייַטשישער שוץ-ליניע האָבן זי אָפּגעטיילט בלויז די עטלעכע מייַל דורכגוס. און ווען רייַע האָט זיך דערוווּסט, אַז עס גרייט זיך אַ נייַע דעסאַנט-אָפּעראַציע, האָט זי זיך אייַנגעבעטן, מע זאָל זי פון איר „הינטערלאַנד"-אַרבעט אַוועקשיקן אַף דער פאָדערשטער פייַער-ליניע.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן דערציילן וועגן דעם עלטערן גוואַרדיע-לייטענאַנט פון מעדיצין-דינסט ראַיסע הייכבערג, וועגן איר מוטיקייט, פלאַמיקער ליבע צום היימלאַנד, הייסער סינע צום פייַנט.

# צווײ העלדן

געשטאַלטן פֿון צווײ העלדישע ייִדישע קריגער קומען אויף פֿאַ
מיר, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם אָנהײב און סאָף פֿון דע
רומפֿולער פֿאַרטײדיקונג פֿון סעוואַסטאָפּאָל: דער קאָמיסאַר פֿון דע
ניקאָלײַעווקער ברעג-באַטאַרײ סאַווע מוליער און דער פֿאַרטרעטע
פֿונעם קאָמאַנדיר פֿון דער לעגענדאַרער טשאַפּײַעווער דיוויזיע-
דער פּאָלקאָווניק גראָסמאַן, וואָס אין זײַן רעשוס איז געווען ד
אַרטילעריע פֿון דער דיוויזיע.

דעם דרײַצנטן אָקטיאַבער 1941 האָט די באַטאַרײ, וואָס אַ
געשטאַנען אין דאָרף ניקאָלײַעווקע, צום ערשטן מאָל גענומען באַ
שיסן דאָס דײַטשישע מיליטער. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די סעוואַ
טאָפּאָלער פֿאַרטײדיקונג.

אויב עמעצער וואָלט פֿאַר דער מלחמה דערצײלט אַ קריגנ
טעאָרעטיקער, קעגן וועלכע פֿײַנטלעכע קרעפֿטן און אין וועלכ
באַדינגונגען עס וועט אויסקומען צו קעמפֿן דער ניקאָלײַעווקע
באַטאַרײ, וואָלט דער דאָזיקער קריגס-טעאָרעטיקער געוויס נאָר
קנײטש געטאָן מיט די אַקסלען און וואָלט עס אָנגענומען פֿאַר
ווילדער אויסטראַכטעניש.

דאָס זײַנען אָבער געווען שוואַרציאַמישע אַרטילעריסטן, אַ
פֿאַרטײדיקט האָבן זײ זײער סעוואַסטאָפּאָל, דעריבער טאַקע האָ
זײ אין יענע אומפֿאַרגעסלעכע טעג אַזוי מוטיק און פֿעסט באַגעג

דעמ מוירעדיקנ קלאפּ, וואָס מיט א פּאָר טעג פריִער וואָלטנ זיי אלײנ געהאלטנ פאר אומעגלעכ אזוינס אויסצוהאלטנ.

דרײַ טעג אונ דרײַ נעכט נאָכאנאנד, אָנ אָפּרו, אָנ שלאָפ האָט די באטארײ־מאנשאפט באשאָסנ די אָנגרײַפנדיקע כמארעס פאשיסטישע טאנקענ אונ שיקערע האָרדעס. אפ די צעגליטע הארמאטנרערנ האָט זיכ די פארב געבלאָזנ אינ פּענכערס אונ אראָפּגעקראָכנ שטיקערווײַז, מע האָט זיי געמוזט אָנ אופהער אָפּקילנ מיט שמאטעס, אײַנגעטונקטע אינ קאלט וואסער. געטראָפנ דורכ שפליטערס פונ סנאריאדנ אונ מינעס, זײַנענ מענטשנ געפאלנ שווײַגנדיק, אָנ קרעכצנ, פּונקט אזוי שווײַגנדיק האָבנ זייערע ערטער פארנומענ אנדערע שלאכטלײַט אונ האָבנ פּאָרגעזעצט זייער ארבעט — געקלאפּט איבער די פאשיסטנ, וואָס האָבנ געשטורעמט די באטארײ.

די באטארײ האָט פארשטעלט די דײַטשנ דעמ וועג צו סעוואסטאָפּאָל. זי האָט געהאט א באפעל פונ דער קאָמאנדשאפט: אומ יעדנ פרײַז זיכ האלטנ וואָס לענגער אונ וואָס לענגער פארהאלטנ די דײַטשנ, קעדיי געבנ אונדזער מיליטער די מעגלעכקײַט איבעריקע טלעכע שאָ אָדער עטלעכע טעג צו פארפולקומענ די פארטיידיקונגסליניע. די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דעמ, אז דער דאָזיקער באפעל אל אויסגעפילט ווערנ פּינקטלעכ, איז געלעגנ אינ דער ערשטער ריי פנ קאָמאנדיר אונ אפנ קאָמיסאר פונ דער באטארײ. אונ ביידע אבנ געטאָנ אלצ, וואָס מע קאָנ נאָר פאָדערנ פונ דעמ בעסטנ אָמאנדיר אונ פונ דעמ בעסטנ קאָמיסאר.

בײַס אָט דער טראגיש־דערהייבענער שלאכט איז סאווע מוליער עווענ אינ די סאמע געפערלעכסטע ערטער. דער, וואָס איז כאָטש יינ מאָל געווענ אינ שלאכט, ווייסט גוט, וואָס הייסט פאר יעדנ פילע פארנ סאמע דרייסטנ אונ מוטיקנ שלאכטמאנ, צו דער צײַט ערהערנ א מונטער וואָרט, א פריילעכנ וויצ, א שלאכט־לאָזונג, אָדער פילע פּאָשעט דערפילנ, אז דאָ, לעבנ אימ, שטייט זײַנ קאָמיסאר.

און דער גרויסער פּארדינסט פונעם קאָמיסאַר סאווע מוליער איז וואָס אין מעשעך פון אלע דריַי מעסלעס, וואָס עס האָט געדויערט די ביטערע שלאכט מיט די אָנגרײַפנדיקע האָרדעס דײַטשן, האָט ד באטאריי-מאנשאפט קיין איין מאָל קיין ציטער ניט געטאָן, או קיין איין רעגע ניט פארלוירן דעם גלויבן אין זיך, אין דע קראפט פון זייער געווער, אין דער גערעכטיקײַט פון זייע קאמף.

אין דריַי מעסלעס ארום איז אָנגעקומען א באפעל פון דע קאָמאנדשאפט: די באטאריי האָט איר אופגאבע רומפול אויסגעפילט איצט האָבן אלע לעבן געבליבענע פארטיידיקער פון דער באטאר געדארפט זי פארלאָזן און זיך ארײַנזעצן אין דער ספּעציעל צוגע שיקטער שיף.

אלע זײַנען ארופ אפ דער שיף, בלויז דער קאָמאנדיר פון דע באטאריי דער לייטענאנט זאיקע און איר קאָמיסאר סאווע מוליע זײַנען געבליבן, קעדיי געבן זייערע שלאכטלײַט א מעגלעכקײַט זי צו ראטעווען.

די שיף איז אוועק. פון דעם מאָמענט אָן האָט שוין דער בר געהערט צום סוינע. מיט ליבע און הארצקלעמעניש האָבן די שלאכ לײַט געקוקט אפ די איינזאמע פיגורן פון זייער קאָמאנדיר, וו איז געבליבן לעבן קוילנווארפער, און פונעם קאָמיסאר, וואָס איז ג שטאנען בא דעם איינציקן גאנץ געבליבענעם הארמאט.

אין א שטיקל צײַט ארום האָבן די דײַטשן פארשטאנען, מע האָט זיי אָפּגענארט און האָבן א שפּאר געטאָן אפ דער באטארי

אין עטלעכע כאדאָשים ארום נאָך דעם דאָזיקן טאָג האָט דו אונדזער פראָנט-ליניע, אין פיל הונדערטער קילאָמעטער פון סעוואו טאָפּאָל, זיך דורכגעקליבן א באוואקסענער און אויסגעדארטער מענט דאָס איז געווען סאווע מוליער. אין סאמע לעצטן מאָמענט, וו דער טויט איז שוין געווען פאר די אויגן, האָט זיך אים אײַנג

געבנ זיכ צו ראטעווענ. עטלעכע כאדאָשימ האָט ער זיכ צופוס גע-
גאנוועט איבער די מעקוימעס, ווו עס זײַנען געווענ דײַטשנ, אונ
האָט זיכ דערקליבנ צו די אייגענע, קעדיי ווײַטער פאָרצוזעצנ
דעמ קאמפ קעגנ די פארהאסטע פארכאפער, דעמ קאמפ, וועלכנ ער
האָט אזוי העלדיש אָנגעהויבנ דעמ דרײַצנטנ אָקטיאבער 1941.

ווענג דעמ פאָלקאָווניק גראָכמאנ האָב איכ געהערט אינ סעוואס-
טאָפאָל נאָכ דעמלט, ווענ די טשאפײַעווער דיוויזיע האָט פארטיידיקט
אָדעס. מיטנ פאָלקאָווניק האָב איכ זיכ אָבער באגעגנט אונ באקאנט
ערשט אינ סעוואסטאָפאָל.

דאָס איז געווענ ניט קיינ הויכער, א געפאקטער ברונעט מיט א
קלוג אונ לעבעדיק פאָנעמ, א מענטש מיט א זעלטענער ארבעטס-
פעיקײַט, גרויסער מוטיקייט אונ גרענעצלאָזער ליבע צומ לעבנ. אינ
די פול געפאקטע קעשענעס פונ זײַנ פעלצל האָט מענ אלעמאָל גע-
קענט געפינענ א באנד שעלי אָדער בײַראָנ, אונ דער גרעסטער נאכעס-
רועכ איז פאר אימ געווענ צו באגעגענענ א מענטשנ, מיט וועלכנ
ער זאָל זיכ קענענ פראקטיקירנ אינ ריידנ ענגליש.

איכ געדענק, ווי אינ די אינקערמאנער שטאָלניעס, סאכאקל
עטלעכע קילאָמעטער פונ דער פראָנט-ליניע, האָבנ די פארטיידיקער
פונ סעוואסטאָפאָל געפײַערט דעמ 24-טנ יאָרטאָג פונ דער עקזיס-
טענצ פונ דער טשאפײַעווער דיוויזיע. דער פאָלקאָווניק גראָסמאנ
איז אפ דעמ דאָזיקנ יאָמטעוו געווענ אי דער באלסימכע אי דער
באלעבאָס. א נײַנקער אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ האָט אראָפגע-
לויכטנ פונ זײַנ גימנאסטיאָרקע. גראָסמאנ האָט אופגענומענ די געסט
מיט אזויפיל הארציקײַט אונ פרייד, ווי דאָס אלצ וואָלט פאָרגעקו-
מענ ערגעצ ווײַט פונ פראָנט, אינ א ווארעמער, היימלעכער שטוב.

— אז מע מאכט שוינ יאָ יאָמטעוו, איז זאָל זײַנ קעיאד-האמע-
לעכ, ווי ס'באדארפ צו זײַנ! — האָט ער מיר געזאָגט אונ מיט גע-
רעכטנ שטאָלצ (דאָס איז דאָכ געווענ אינ באלאגערטנ אונ בלאָקירטנ

סעוואסטאָפּאָל, אפן זיבעטן כוידעש פון דער פארטיידיקונג) פאָרגע־לייגט מיר א שטיק עמעסן טאָרט.

ער האָט ביכלאל אלץ ליב געהאט צו טאָן „ווי ס׳באדארף צו זײַן״: אי מעכאבעד זײַן מענטשן, ווי ס׳באדארף צו זײַן, אי כאווערן זיך מיט מענטשן, ווי ס׳באדארף צו זײַן, אי לערנען מענטשן, ווי ס׳באדארף צו זײַן, אי מילכאָמע האלטן קעגן דעם סוינע ניט אפ לעבן, נאָר אפ טויט, ווי ס׳באדארף צו זײַן.

ניט אומזיסט איז זײַן נאָמען אפ שטענדיק ארײַן אינעם רום־פולן צעטל פארטיידיקער פון סעוואסטאָפּאָל. אונטער זײַן אָנפירונג האָבן די ארטילעריסטן פון דער טשאפּײַעווער דיוויזיע געשלאָגן די פאשיסטן בא אָדעס און בא סעוואסטאָפּאָל, געשלאָגן, ווי ס׳באדארף צו זײַן.

און ווען ס׳איז געקומען זײַן לעצטע שאָ, האָט דער פּאָלקאָווניק גראָסמאן באוויזן, אז ער קען ניט נאָר לעבן און קעמפן ווי ס׳באדארף צו זײַן, נאָר אויך שטארבן, ווי ס׳פּאסט פאר א פרײַען און שטאָלצן קריגער.

דאָס איז געווען אינעם לעצטן טאָג פון דער סעוואסטאָפּאָלער פארטיידיקונג. די דײַטשן זײַנען שוין געווען אין שטאָט. א גרופּקע אונדזערע מענטשן האָבן זיך נאָך פארטיידיקט באם שטילן יאמ־ברעג, ווײַט פון דער שטאָט. ארום און ארום זײַנען געווען סאָנים. ס׳איז געווען קלאָר, אז די פון אונדזערע שלאכטלײַט, וועלכע עס האָט זיך ביז איצט ניט אײַנגעגעבן צו עוואקויִרן, האָבן שוין ניט וואָס צו טראכטן וועגן ראטעווען זיך. די קוילן און סנאריאדן האָבן זיך שוין קימאט אויסגעלאָזן.

דעמלט האָט דער פּאָלקאָווניק גראָסמאן געזאָגט: „ניין, ניטאָ פאר קיין ארטילעריסט קיין מער בעקאָוועדיקער טויט, ווי דער טויט באם הארמאט״.

ער האָט א שמייכל געטאָן, א מאכ געטאָן מיטן קאָפּ צו די, וואָס זײַנען געבליבן אין בלינדאזש, איז ארויס אין דרויסן און האָט

זיך געשטעלט פאר אן אָנצילער בא איינעם פון די נאָך גאנץ געבליבענע הארמאטן.

די ווײַטערדיקע ידיעס וועגן אים זײַנען ניט קיין קלאָרע. איינע זאָגן, אז אים האָט דערהארגעט א שפּליטער פון א סנאַריאַד, די צווייטע, — א שפּליטער פון א מינע. די דריטע זאָגן, אז ער איז אומגעקומען פון אן אווטאָמאטן־ריי.

איינס איז קלאָר פאר אלעמען: דער פּאָלקאָווניק גראָסמאן האָט געלעבט, האָט געקעמפט און איז אומגעקומען, ווי עס פּאסט פאר א מוטיקן סאָוועטישן קריגער.

# װעגנ צעזאר קוניקאָװ

איר װעט אינ אָט דעמ ביכל ניט איינמאָל באגעגענענ דעמ נאָמענ פונעמ העלד פונ סאָװעטנפארבאנד צעזאר לװאָװיטש קוניקאָװ. איר װעט זיכ אָנשטויסנ אפ די געאָגראפישע נעמענ: „קליינע ערד", סטאניטשקא, מיסכאקאָ. מיר װילט זיכ, אז אויכ בא אייַכ זאָל דער דאָזיקער נאָמענ אונ די דאָזיקע ערטער ארויסרופנ די זעלבע געפילנ פונ גרענעצלאָזער אכטונג אונ שטאָלצ, װעלכע זיי רופנ ארויס בא יעדנ אָנטיילנעמער פונ דער העלדישער פארטיידיקונג פונ קאװקאז.

צוערשט א פאָר װערטער װעגנ דער געשיכטע פונ די שלאכטנ פאר נאָװאָראָסייסק.

אינ דעמ באפעל פונ 16 סעפטיאבער 1943 האָט דער כאװער סטאלינ געזאָגט:

„די שיפנ פונ שװארציאמישנ פלאָט... גיבנ א סאליוט פונ צװעלפ זאלפנ לעקאָװעד דעמ מיליטער אונ די שיפנ, װאָס האָבנ באפרייַט פונ דייַטשיש-פאשיסטישנ יאָכ די צװייטע באזע פונעמ שװארציאמישנ מיליטערישנ יאמ-פלאָט — נאָװאָראָסייסק".

פונקט אזוי, װי סעװאסטאָפאָל קאָנטראָלירט דעמ מייַרעװ-טייל פונעמ שװארצנ יאמ, אזוי האלט נאָװאָראָסייסק אונטערנ קאָנטראָל זייַנ גאנצע מיזרעכדיקע העלפט.

די גרויסע אונ טיפע נאָװאָראָסייסקער — זי הייסט אויכ צעמע-סער — בוכטע קאָנ אויפנעמענ קריגס-שיפנ פונ אלע קלאסנ, ביז א

ינקאָר אײַנגעשלאָסנ. די שיפּרעמאָנט-װאַרשטאַטנ, װאָס זײַנענ געװענ אינ נאָװאָראָסיִיסק, האָבנ געקענט דורכפירנ דעם קאָמפּליצירטסטנ שיפּ-רעמאָנט.

די באַדײַטונג פונ נאָװאָראָסיִיסק האָט זיכ אָבער ניט אױסגעשעפּט בלױז דערמיט, װאָס ער איז געװענ די װײַטע באַזע פונעמ שװאַרציאַמישנ פלאָט.

נאָװאָראָסיִיסק האָט א קאָלאָסאַלע פאָלקסװירטשאַפטלעכע באַדײַטונג. דאָס איז א גרױסער אינדוסטריִעלער צענטער אונ אַנ ערשטקלאַסיקער האַנדלס-פּאָרט. זײַנע צעמענט-זאַװאָדנ האָבנ געגעבנ באַ א פערטל פונ דער פאַרבאַנדישער פּראָדוקציִע פונ דעמ דאָזיקנ בױ-מאַטעריאַל. זײַנ עלעװאַטאָר איז לױט דער גרײס אונ אױסשטאַטונג געװענ דער צװײטער אינ דער װעלט אונ האָט אינ משך פונ א יאָר באַאַרבעט קימאַט א האַלבנ מיליאַרד פּוד טװוּע. קובאַנער טװוּע, נאָװאָראָסיִיסקער צעמענט, די װאַלד-רײַכטימער פונ צאָפנ-קאַװקאַז, סיװאַשער זאַלצ, צאָפנ-קאַװקאַזער נאַפט זײַנענ דורכגעגאַנגענ דורכנ נאָװאָראָסיִיסקער פּאָרט.

די דײַטשיש-פאַשיסטישע קאָמאַנדשאַפט האָט זײער גוט געװוּסט אונ אָפּגעשאַצט די ערשטראַנגיקע מיליטערישע אונ עקאָנאָמישע באַדײַטונג פונ נאָװאָראָסיִיסק. דערמיט דערקלערט זיכ טאַקע דער פאַרביטערטער קאַמפּ פאַר דעמ דאָזיקנ פּאָרט, װאָס האָט געדױערט א גאַנצ יאָר. אינ סעפּטיאַבער 1942 האָבנ די דײַטשנ א װאָרפּ געטאָנ קעגנ דער דאָזיקער שטאָט זײערע בעסטע טײלנ. זײ האָבנ באַשלאָסנ אומ יעדנ פּרײַז צו פאַרכאַפּנ די צעמעסער בוכטע. דאָס װאָלט געשמידט די אָפּעראַציעס פונ אונדזער פלאָט אינעמ גאַנצנ מיזרעכ-טײל פונעמ שװאַרצנ יאַמ אונ װאָלט געגעבנ די דײַטשנ א מעגלעכקײַט מיטנ יאַמ אַרײַנפירנ אַפּ צאָפנ-קאַװקאַז מיליטער, באַװאָפענונג אונ אַרױספירנ פונ קובאַנ טװוּע, נאַפט, אַא.

אינ פאַרביטערטע שלאַכטנ האָבנ די שלאַכטלײַט פונ דער סאָװעטישער

ארמיי און די שוואַרציאַמישע קריגער פאַרטיידיקט די שטאָט נאָוואָ־ראָסיִיסק. די אויסרעכענונגען פון דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט זײַנען דורכגעפאַלן. מאַכמעס דעם איבערוואָג אין לעבעדיקער קראַפט און טעכניק האָט זיך די דײַטשן אײַנגעגעבן צו פאַרכאַפּן נאָוואָ־ראָסיִיסק, אָבער ווײַטער האָט מען זיי ניט געלאָזן. איינער פון די צוויי נאָוואָראָסיִיסקער צעמענט־זאַוואָדן איז די גאַנצע צײַט געבליבן בא אונדז אין די הענט. די סאָוועטישע שלאַכטלײַט האָבן אָפּגע־שטעלט דעם סוינע און האָבן אים ניט געלאָזט פאַרכאַפּן די צעמע־סער בוכטע. דאָ איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די פּראָוויסבאַוועגונג פון די דײַטשן איבערן קאַווקאַזער בערגלאַנד פונעם שוואַרצן יאַם. אונדזער בערג־אַרטילעריע האָט א יאָר צײַט נאָכאַנאַנד געהאַלטן אונטער איר פײַער די בוכטע און האָט ניט געגעבן די דײַטשן קיין מעגלעכקײַט זיך צו באַנוצן מיטן נאָוואָראָסיִיסקער פּאָרט, האַגאַם אלע זײַנע פּילצאָליקע אַנקער־סטאַנציעס האָבן זיך געפונען באַם סוינע אין די הענט. קיין איין דײַטשישע שיף האָט זיך אין מעשעך פון אָט דעם יאָר ניט באַוויזן אין נאָוואָראָסיִיסק. דאָס האָט געשפּילט א ביז גאָר וויכטיקע ראָליע ווינטער 1942—1943, ווען די סאָוועטישע ארמיי האָט גענומען טרײַבן די דײַטשן פון קאַווקאַז.

האַרבסט 1942 האָבן די דײַטשן געפּרוווט מיט א טיפן אַרומ־רינגלונג־מאַנעווער פאַרטרײַבן אונדז פונעם מיזרעכ־ברעג פון דער צעמעסער בוכטע. דאָס האָט זיך זיי אָבער ניט אײַנגעגעבן. און אין פעווראַל 1943 האָט אַן אָטריאַד יאַם־אינפאַנטעריע, אין רעזולטאַט פון א האָזעדיק־דרייסטער דעסאַנט־אָפּעראַציע, זיך אַרויסגעזעצט בא די דײַטשן אין הינטערלאַנד, אפן מײַרעוו־ברעג פון דער בוכטע, אין דער נאָוואָראָסיִיסקער פאָרשטאָט סטאַניטשקאַ. אַזױאַרום זײַנען בײַס די פאַרביטערטע שלאַכטן פאַר קאַווקאַז ביידע ברעגן פון דער בוכטע געווען אין אונדזערע הענט. דאָס פאַרכאַפּן סטאַניטשקאַ און דערנאָך מיסכאַקאָ איז געווען דער אָנהייב פון דער לעגענדאַרער

נאָוואָראָסיַיסקער „קליינער ערד". דאָס האָט פאַרלײַכטערט די אופגאַבע צו באַפרײַען ענדגילטיק נאָוואָראָסיַיסק און דערנאָך אויך דעם טאַמאַנער האַלב-אינדזל פון די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער.

דער דעסאַנט אין סטאַניטשקאַ און די אַנטשטייונג פון דער „קליינער ערד" זײַנען ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פון צעזאַר קוניקאָוו.

צווישן די אַלע העלדישע זין און טעכטער פונעם יידישן פאָלק, וועגן וועלכע איך דערצייל אין דעם דאָזיקן ביכל, איז קוניקאָוו דער איינציקער, מיט וועלכן איך בין פּערזענלעך ניט געווען באַקענט. געזען האָב איך אים בלויז איין מאָל, א שטיק צײַט פאַר דער מיל-כאָמע, און טאַקע ניט מער, ווי געזען.

דאָס איז געווען אָדער סאָף 1938, אָדער אָנהייב 1939. איך בין אַרײַן אין רעדאַקציע פון דער צײַטונג „מאַשינאָסטראָיעניע" („מאַשינ-בויונג") צו זען זיך מיט מײַנעם א גוטנפרײַנט, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט. ער איז גראָד געזעסן באַם רעדאַקטאָר, און כ'האָב באַ א שאָ צײַט געמוזט וואַרטן אַף אים.

איך האָב געוווּסט, אַז דער רעדאַקטאָר פון „מאַשינאָסטראָיעניע" איז אַף צײַטונגס-אַרבעט געקומען ערשט ניט לאַנג, אַז ער איז אַן אינזשעניער און א זון פון אַן אינזשעניער; אַז אין דער יוגנט (דאָס הייסט, נאָך ערשט ניט לאַנג, ווײַל געבוירן געוואָרן איז ער אין 1909) איז קוניקאָוו געווען אַף קאָמיוגישער אַרבעט — אָנגעפירט מיט דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע פונעם מאָסקווער טאַרמאָז-זאַוואָד. דער-נאָך האָט ער געדינט אין פלאָט, געענדיקט די אינדוסטריעלע אַקאַ-דעמיע, אין אַן אויסערגעוויינלעך קורצן טערמין דורכגעגאַנגען דעם וועג פון א וואַכטע-מײַסטער א פּראַקטיקאַנט ביז א הויפּט-טעכנאָלאָג פונעם זאַוואָד פון שלײַף-ווערקשטעלן. צו אַכט און צוואַנציק יאָר איז ער שוין געווען דער שעף פונעם טעכנאָלאָגישן אָפּטייל פונעם פאָלקאָמאַט פאַר מאַשינבויונג. דערנאָך האָט קוניקאָוו באַ א האַלב יאָר צײַט אָנגעפירט מיטן צענטראַלן וויסנשאַפטלעך-פאָרשערישן אינס-

טיטוט פונ מאשינבוי-טעכנאָלאָגיע, דערנאָכ איז ער באשטימט געוואָרנ פארנ רעדאקטאָר פונ דער צײַטונג „מאשינאָסטראָיעניע“.

א מענטש מיט אומגעהײערער אקשאָנעס, קאָלאָסאלער וויסנגיריקײַט, גוואלדיקער באגאבטקײַט, סיסטעמאטישקײַט אונ ארבעטספעיִקײַט האָט ער פונעמ ערשטנ טאָג אָנ געטאָנ אלצ, קעדיי צו ווערנ א קוואליפיצירטער צײַטונגס-טוער.

איכ האָב שוינ געהאט פארלאָרנ דעמ געדולד אונ זיכ געקליבנ אוועקגיינ, ווענ עס האָט זיכ געעפנט די טיר פונ קאבינעט אונ מײַנ כאווער איז ארויס. אינ אָט דער קורצער רעגע האָב איכ דערזענ באמ רעדאקטערישנ טיש א מענטשנ פונ א יאָר נײַנ אונ צוואנציק — דרײַסיק, מיט א פאָר ברייטע אקסל, מיט א קײַלעכדיקנ געגאָלטנ קאָפ אונ מיט זייער א רויִק פאָנעמ.

דאָס איז עס געווענ דאָס איינציקע מאָל, ווענ איכ האָב געזענ קוניקאָוונ. ווער האָט עס דעמלט גאָר געקענט טראכטנ, אז דער דאָזיקער יונגער מענטש איז ניט נאָר א באגאבטער אינזשעניִער אונ אָרגאניזאטאָר, נאָר אויכ א טאלאנטירטער אָפיצער.

נאָכ בײַס די ביטערע שלאכטנ באמ דניעפער הארבסט 1941 האָט מענ מיר דערציילט וועגנ א דרייסטנ קאָמאנדיר פונ א דיווערסאנטישנ שווימ-אָטריאד — קוניקאָוו. איכ האָב, נאטירלעכ, אפילע פארשטעלנ זיכ ניט געקענט, אז דאָס איז דער זעלבער מענטש, וועלכנ איכ האָב ערשט-אָ, מיט א פאָר יאָר צוריק, פארבײַגייענדיק געזענ זיצנ אינעמ גרויסנ רעדאקטערישנ קאבינעט. אינ 1942 זײַנענ צו מיר דערגאנגענ קלאנגענ וועגנ איינעמ א קוניקאָוו, — א מענטש אָנ ספעציִעלער מיליטערישער יאמ-בילדונג, — וואָס האָט אויסגעצייכנט אָנגעפירט מיט אנ אָטריאד האלבגליסערס פונ דער אזאָווער קריגס-פלאָטיליע.

איכ האָב געוווּסט, אז שפעטער, ווענ דער פראָנט האָט זיכ איבערגערוקט דאָרעמ-צו, איז דער מאיאָר קוניקאָוו באשטימט געוואָרנ פארנ קאָמאנדיר פונ א ספעציִעלנ באטאליאָנ יאמ-אינפאנטעריע אונ אז אינ



העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד צ. ל. קוניקאָוו

מעשעכ פונ א גאָר קורצער צײַט איז ער געוואָרנ אײנער פונ די בעסטע אונ רומפולסטע קאָמאַנדירנ פונ דער שווארציאמישער יאַמ-אינפאנטעריע. ניט אײנ מאָל אונ ניט צוויי מאָל האָט זײַנ באטאליאָנ מיט קאָוועד אויסגעפילט שלאכט-אויפגעבונגענ, וואָס ניט יעדער פאָלק איז זיי בעקויעכ אויסצופילנ.

דער געוועזענער קאָמיסאר פונ קוניקאָווס באטאליאָנ מאַיאָר פארפיאָנאָוו האָט מיר דערציילט, וויאזוי דער קאָמאנדיר פלעגט אופהייבנ זײַנע מענטשנ אינ אטאקע מיט דער קאָמאנדע: „די אנקערס ארופ!" דערהערט די דאָזיקע יאמ-קאָמאנדע, פלעגנ די מאטראָסנ, — די שלאכט-אומשטענדנ האָבנ זיי געצווונגענ אָנטאָנ כאקי-קליידער פונ דער אינפאנטעריע,—צעשפיליענ זייערע אויסגעצוויטעטע, דורכגעשוויצטע אונ פארשטויבטע גימנאסטיאָרקעס, דער סוינע זאָל דערזענ זייערע געשטרייפטע יאמ-לײַבלעכ, באהאלטנ אינ די קעשענעס די פילאָטקעס אונ אָנטאָנ די מאטראָסישע היטלענ מיט די גאָלדענע אנקערס אונ לאנגע פלאטערנדיקע סטענגעס. זאָלנ די פאשיסטנ וויסנ, אז אינ אטאקע גייט דער גרויזאמער „געשטרייפטער טויט", דער „שווארצער וואָלקנ", די „שווארצע קאָמיסארנ", — אזוי האָבנ דעמ סוינעס סאָלדאטנ אָנגערופנ אונדזערע יאמלײַט, פאר וועלכע זיי האָבנ געציטערט איימאס-מאָוועס.

פאָרויס פונ זײַנ באטאליאָנ איז געגאנגענ דער מאַיאָר קוניקאָוו מיטנ שווארצנ מאטראָסישנ היטל אפנ קאָפּ.

הײַנט די „אוטאָטאטשאנקע", וועלכע קוניקאָוו האָט צוגעטראכט אונ באוואָפנט מיט איר זײַנ באטאליאָנ בייס די שווערע שלאכטנ אפנ קובאנ אינ 1942. אָט וואָס עס דערציילט וועגנ דעמ אינ זײַנ ביכל „די יאמ-אינפאנטעריע גייט" דער מיליטערישער זשורנאליסט ג. פאָדאָלקא:

„אפנ זיקאָרנ איז געקומענ די טאטשאנקע, די טרײַע באגלייטערנ פונעמ בירגער-קריג. אונ גלײַכ איז דורכגעפלויגנ א געדאנק, וואָס האָט אימ אזש א הייב געטאָנ פונ אָרט:

— אפ א לאסט-אווטאָמאָביל אוועקשטעלנ א קוילנוואַרפער אונ א שפאציר טאָנ אפ דער דאָזיקער מעכאַניזירטער טאַטשאַנקע איבערנ סוינעס הינטערלאַנד... אונ אויב א קויל וועט טרעפנ אינ אווטאָמאָ-ביל? דארפ מענ מאכנ אזוי, אז עס זאָל ניט טרעפנ. אלצ דארפ דורכגעפירט ווערנ אומגעריכט, שנעל אונ דרייסט.

די אופגאבע איז אינ גרונט געלייזט. עס בלייבנ דעטאלנ, אויכ זיי זיינענ געפונענ געוואָרנ אפ מאָרגנ אינדערפרי. צום קאבינע-דעכל פונ אנ אָנדערהאלבנ-טאָניקער לאסט-מאשינ זיינענ צוגעפעסטיקט גע-וואָרנ צוויי קוילנוואַרפערס, ניט לענגויס דער מאשינ, נאָר אונטער א שארפנ ווינקל. קוניקאָוו איז אריינ אינ מאשינ, האָט אויסגעפרווט איינ קוילנוואַרפער, דעמ צווייטנ, זיכ פאָרגעשטעלט, וויאזוי די מא-שינ וועט זיכ טראָגנ אונ באשיסנ דעמ סוינע מיט א האָגל קוילנ.

נאָכ דעמ קאָמבאַטס יעדער באוועגונג האָבנ אופמערקזאמ נאָכ-געשפירט די קוילנוואַרפלער קלימענקאָ אונ לאוורענטיעוו.

— מע באדארפ א גאָל טאָנ די פריצנ, הא, קלימענקאָ?

— וויאזוי, כאוועד מאיאָר?

— די טאַטשאַנקע געדענקסטו? דאָס בילד „טשאפייעוו” האָסטו גע-זענ? נו, איז אָט דאָס-אָ איז אונדזער טאַטשאַנקע. אויב איר האָט כיישעק, קענ מענ זי אויספרווונ. נאָכ מיטיק וועלנ מיר זיכ צוכאפנ אינ סטאראָקאָזאטשי. דאָרט איז פאראנ א היפש ביסל דייטשנ.

— מירנ זיכ צוכאפנ! — האָבנ איינגעשטימט די קוילנוואַרפלערס.

— ווי קוקט אפ דעמ דער שאָפער? — האָט זיכ קוניקאָוו גע-ווענדט צו א רויטפלאָטלער, וואָס האָט געווישט די הענט מיט שמאטעס.

— ער קוקט אפ דעמ מיט פארגעניגנ... — האָט מיט א פריילעכנ שמייכל געענטפערט יענער.

— נו, רעכט! אָבער קיינער טאָר דערפונ ניט וויסנ. ס'א מילי-טערישער סאָד.

נאָכ מיטיק האָט ער דערציילט דעמ שעפ פונ שטאב אונ דעמ

קאָמאַנדיר פון דער קוילנוואַרפער־ראָטע וועגן זײַן אײַנפאַל. יענע איז ער געפעלן געוואָרן.

— בלײַבט איר אָנשטאָט מיר, — האָט קוניקאָוו געזאָגט צום שטאַב־שעף יורטשענקאָ, — און איך וועל מאַכן אַ וויזיט די דײַטשן. כ'וועל זיך ניט לאַנג זאַמען...

— כאַווער מאַיאָר, — האָט זיך געווענדט צו אים דער לייטענאַנט פאַדייעוו. — איך בעט דאָס שטיקל אַרבעט אָנטרויען מיר. ערשטנס, איז עס מײַן ספּעציאַליטעט, און צווייטנס...

— און צווייטנס? — האָט איבערגעפרעגט קוניקאָוו.

— איר האָט ניט קיין רעכט צו ריזיקירן, — האָט געזאָגט פאַ־דייעוו, קוקנדיק דעם קאָמבאַט גלײַך אין די אויגן אַרײַן. — איר זײַנט דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, און אײַער אָרט איז דאָ.

איך בין מאַסקים מיט פאַדייעוון, — האָט געזאָגט יורטשענקאָ.

— כאַווײַרים, איך פאַרשטיי אײַך. איך וויל אָבער, איר זאָלט מיך אויך פאַרשטיין. ס'איז אַ נײַע זאַך און ניט קיין געוויינלעכע. איך האָב עס אויסגעטראַכט. און איך דאַרף גיין דער ערשטער. און וואָס וועט זײַן, טאָמער וועט איר דורכפאַלן און זיך ניט אומקערן? וועט מען זאָגן: דער קאָמבאַט האָט עפּעס אויסגעמײַסטרעוועט, נאָר מענטשן אומזיסט און אומגישט אומגעבראַכט... וואָס וועל איך ענט־פערן? און כוץ אַלע זיבן זאַכן, קאָן איך פירן אַ מאַשין: טאָמער ווערט פאַרוווּנדעט דער שאָפער, קען איך אים פאַרבײַטן.

שפּאַרן זיך מיט קוניקאָוון האָט קיין זין ניט געהאַט. איז גע־בליבן, אַז עס באַטייליקן זיך אי קוניקאָוו אי פאַדייעוו. טאָמער ווערט פאַרוווּנדעט אַ קוילנוואַרפלער, וועט אים פאַדייעוו פאַרבײַטן.

— נעם מיט אַ צענדליק גראַנאַטעס. זיי וועלן צוניץ קומען... — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן.

מע האָט נאָכאַמאָל דורכגעקאָנטראָלירט דעם מאָטאָר, די באַלאָ־נען, די קוילנוואַרפערס. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג.

— נו, געפּאָרן זאָל ווערן! — האָט פאַראָרדנט קוניקאָוו און זיך אַרײַנגעזעצט אין קאַבינע.

די מאַשין איז צוגעפֿאָרן צו דער פאָדערשטער ליניע — סאַמע אַפֿן ראַנד פֿונעם כוטאָר סטאַראָקאָזאַטשי, און מיט דער גאַנצער מעגלעכער שנעלקײַט זיך אַ ריס געטאָן פאַרבײַ די שוצגראָבנס — סײַ די אייגענע סײַ די פֿרעמדע — אין כוטאָר אַרײַן.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך ווי אַ וויכער געטראָגן איבער דער הויפּט-גאַס. איבער קוניקאָווס קאָפּ האָבן געפֿויקט די קוילנוואַרפֿערס, און ער האָט געזען, ווי עס פֿאַלן די סאָנים, וואָס לויפֿן אַרויס פֿון די הײַזער אין גאַס. רעכטס האָט פאַרבײַגעשווינדלט אַ הויז, אַ פּאַסאַזשיר-מאַשין. עס האָט אַ דונער געטאָן אַן אויפֿרײַס פֿון אַ גראַנאַטע.

— גוט אַזוי, פּאַדײַעוו! — האָט אַ געשריי געטאָן קוניקאָוו.

די קוילנוואַרפֿערס האָבן ניט אויפֿגעהערט צו שטעפּן. איינע נאָך דער צווייטער האָבן זיך געריסן גראַנאַטעס. הינטער דער מאַשין האָט זיך אויפֿגעהויבן אַזאַ וואָלקן שטויב, אַז אויב עמעצער פֿון די לעבן געבליבענע דײַטשן האָט יאָ געפּרוּווט שיסן, האָט ער סײַווי טרעפֿן ניט געקענט.

די מאַשין האָט זיך דורכגעטראָגן דורכן גאַנצן כוטאָר, איז ווי-דער צוגעפֿלויגן צו דער פאָדערשטער ליניע און זיך אַריבערגעכאַפּט אויף אונדזער זײַט. ערשט באַם שטאַב פֿון באַטאַליאָן האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט.

— נו, ווי? — האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער מאַשין יור-טשענקאָ.

— אויסגעצייכנט! — האָט אויסגערופֿן פּאַדײַעוו, אָפּטרייסלענדיק דעם געדיכטן שיכט שטויב. — אָפּגעשוירן און צוגעקעמט!

אַלע האָבן זיך אויסגעקערעוועט צו קוניקאָוון.

ער איז געשטאַנען באַ דער קאַבינע און האָט געשמייכלט.

— הורא דעם קאָמבאט! — האָט א געשריי געטאָן פאדייעוו, און אלע האָבן אונטערגעכאפּט.

— אדאנק, כאווייריִם! — האָט געזאָגט קוניקאָוו. — איצט וועלן מיר אנדערש מילכאָמע האלטן מיטן דײַטש. איך האָב שוין נאָך עפּעס צוגעטראכט.

ער האָט באוואָפנט די אווטאָמאָבילן מיט צונויפגעפּאָרטע קוילנ־וואָרפערס, מינענוואָרפערס, קעגנטאנק־ביקסן. ער האָט אוועקגעשטעלט אף דרײַטאָניקע לאסט־מאשינעס 45־מילימעטערדיקע הארמאטן, כאָטש די ארטילעריסטן האָבן געכוויזעקט פון אזא אײַנפאל. די הארמאטן האָבן גוט געשאָסן און האָבן פארניכטעט ניט איין פײַנטלעכן טאנק. אין באטאליאָן האָט מען זיך געכאָכמעט:

— מיר האָבן איצט אן אייגענע פלאָטיליע פון יאבאָשע־שיפן. וואָס איז דען א שיף? א שווים־פלאטפאָרמע פאר ארטילעריע. וואָס איז דען אן אווטאָמאָביל? אויך א פלאטפאָרמע און אויך פאר ארטילעריע. מיר האָבן איצט אי יעגער־קאטערס (מיט קוילנוואָרפערס), אי טאָרפּעדן־קאטערס (מיט קעגנטאנק־ביקסן), אי מאָניטאָרן (מיט הארמאטן). היט זיך, פריצן!

יעדע „שיף“ האָט זיך געהאט איר מאנשאפט: צען—צוועלף קריגער בעראָש מיט א קאָמאנדיר. די „פלאָטיליע“ האָט אָפּערירט, אזוי צו זאָגן, אויסער דער פּראָגראם. דער גאנצער באטאליאָן האָט ווי פריִער געפירט אקטיווע „שוץ־שלאכטן“.

ס'איז דעריבער קלאָר, פארוואָס די קאָמאנדשאפט האָט אויסגעקליבן דאפקע דעם מאיאָר צעזאר קוניקאָוו, ווען עס איז פארטראכט געוואָרן דער האָזעדיק־דרייסטער און געוואגטער דעסאנט אין סטאניטשקא, אין הינטערלאנד פון די דײַטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין נאָוואָראָסיִיסק. און מאיאָר קוניקאָוו האָט דעם גרויסן צוטרוי בארעכטיקט.

דער מאיאָר צעזאר קוניקאָוו איז אומגעקומען אין דעם טאָג,

ווען זײַן אָטריאַד, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעצט אין סטאַניטשקאַ, האָט פעסט און ענדגילטיק פאַרמאַכט פאַר די דײַטשן דעם אַרײַנגאַנג און אַרויסגאַנג פון דער נאָוואָראָסיסקער בוכטע. פאַרן טויט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די רעגירונג האָט אים באַלוינט מיטן אָרדען „אַלעקסאַנדער נעווסקי" און מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. זײַנע שלאַכטלײַט האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן קוניקאָווצעס, און דאָס שטיקל סאָוועטישע ערד, וואָס איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן בײַ די דײַטשן, האָבן די שוואַרציאַמישע קריגער אָנגערופן „קוניקאָוו-ערד".

אין זײַן דעסאַנט-אָטריאַד האָט דער מאַיאָר קוניקאָוו אָפּגעקליבן די סאַמע דרייסטע, דערפאַרענע, געוואַגטע יאַמלײַט,—פּאַרטיידיקער פון אָדעס און סעוואַסטאָפּאָל, אָנטיילנעמער פון דער באַרימטער קערטשפעאָדאָסיער דעסאַנט-אָפּעראַציע אין דעקאַבער 1941. טאָג און נאַכט, בײַ יעדן וועטער האָט קוניקאָוו געלערנט זײַנע שלאַכטלײַט. זיי האָבן זיך טרענירט אין שטורעמען, פּראַקטיקירט אין בלאָקירן גאַסן און באַזונדערע געבײַדעס, אין אַרויסזעצן זיך אויפן סוינעס ברעג, אין דורכפירן נאַכטיקע גאַסן-שלאַכטן.

אין דער נאַכט אַנטקעגן פערטן פעברואַל 1943 האָט צעזאַר קוניקאָוו איבערגעלייענט פאַר די יאַמלײַט פון זײַן אָטריאַד, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט בײַ דער אַנקער-סטאַנציע, די ווערטער פון דער שלאַכט-שווּע:

„מיר האָבן באַקומען פון דער קאָמאַנדשאַפט אַ באַפעל דערלאַנגען אַ קלאַפּ איבערן סוינעס הינטערלאַנד, אומוואַרפן און צעשמעטערן אים. גייענדיק אין שלאַכט, שווערן מיר אונדזער היימלאַנד, דעם גרויסן סטאַלין, אַז מיר וועלן קעמפן מוטיק און דרייסט, ניט שאַנעווענדיק אונדזער לעבן פאַרן זיג איבערן סוינע. אונדזער ווילן, אונדזערע קויכעס און אונדזער בלוט, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, וועלן מיר אָפּגעבן פאַרן לעבן און פאַרן גליק פון אונדזער פאָלק,

פאַר דיר, אונדזער הייס־געליבט היימלאַנד, פאַרן גרויסן אַרמיי־פירער, פאַר אונדזער פאָטער און פריַינט — דעם גרויסן סטאַלין. אונדזער געזעץ איז און וועט זיַין — באַוועגן זיך נאָר פאָרויס. מיט סטאַלינס נאָמען גייען מיר אין אָנגריף! מיר וועלן זיגן! זאָל לעבן אונדזער זיג!"

ער האָט דער ערשטער אונטערגעשריבן די דאָזיקע שבועה, נאָך אים — די איבעריקע אָפיצערן און רויטפלאָטלער פון זיַין אָטריאַד. דערנאָך זיַינען זיי אַרויף אויף די שיפן און זיך געלאָזט צו סטאַניטשקאַ, אין הינטערלאַנד צו די דיַיטשן, וואָס האָבן זיך גאָר ניט געקענט ריכטן אויף אַזאַ האָזע. מיט איין וואָרף פאָרויס האָבן די יאַמליַיט צעקלאַפּט די פאַשיסטן, פאַרכאַפּט זייערע בלינדאַזשן און אויסגעקערעוועט אויף די דיַיטשן די דיַיטשישע האַרמאַטן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דאָס גאַנצע לאַנד זיך דערוווּסט וועגן די העלדנטאַטן פון דעם ספּעציעלן אָטריאַד יאַמליַיט און פון זיַין קאָמאַנדיר דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד מאַיאָר צעזאַר קוני־קאָוו. דאָס וואָרט „קוניקאָוועצ" איז געוואָרן אַ סינאָנים פון אַ דרייסטן מענטש, פון אַ געניטן און מוטיקן שלאַכטמאַן. ניט אומזיסט האָבן די עסעסאָווצעס, וואָס זיַינען געזעסן אין נאָוואָראָסיַיסק, אָנגערופן די קוניקאָווצעס פאַר זייער אײַנזנפעסטער שטאַנדהאַפטיקייַט, אומפאַרגליַיכלעכער דרייסטקייַט און העלדישקייַט — „דריַיפאַכע יאַמ־ליַיט".

אין זיבן כאַדאָשים אַרום, ערעוו דעם נאָוואָראָסיַיסקער דעסאַנט, האָבן די שלאַכטליַיט פון קוניקאָווס באַטאַליאָן אָפּגערוט פאַר אַ שלאַכט. אינעם שיטערן שאָטן פון קוסטעס זיַינען געזעסן רויטפלאָט־לער און האָבן געשמועסט וועגן דער פאָרשטייענדיקער אָפּעראַציע, זייערע געדאַנקען האָבן זיך ניט ווילנדיק געווענדט צו זייער אומגעקומענעם קאָמאַנדיר. זיי האָבן זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיי געלערנט איבערלויפן, שיַיענדיק איינער דעם צווייטן מיט אוטאָ־

מאטנ-אונ ביקסנ-פײַער, שרײַענ „הורא“ הויכ אונ קלינגעוודיק, אזוי, אז דער טויטנ זאָל כאפּנ א ציטער. זיי האָבנ זיכ דערמאָנט, ווי וווּנדערבאר שיינ ער האָט געפּײַפט אונ ווי ער האָט געזונגענ מיט זיי לידער, אונ ווי ער האָט זיי געלערנט אָנצוווענדנ אינ דער דעסאנט-שלאכט די מעסערס, אונ ווי ער איז איינמאָל געוואָרנ א צעקאָכטער, ווענ מע האָט אימ צוויסנ געגעבנ, אז מע האָט ניט געבראכט קיינ דערנערונג אונ אז ס׳איז שוינ באלד ניטאָ קיינ פּאטראָנעס. — „ווייניק פּאטראָנעס — נעמט זיי אינ שלאכט! ניטאָ קיינ ברויט — פּארכאפּט בא די דײַטשנ! פונדאנענ וועלנ מיר ניט אוועקגיינ. מיר וועלנ זיכ שלאָגנ ביזנ סאָפ!“.

— א היפּש ביסל פּאשיסטנ האָבנ מיר אוועקגעלייגט פאר קוניקאָוונ, — האָט מיר געזאָגט דער אוטאָמאטלער ראָמאנאָוו, — אונ מיר וועלנ זיי נאָכ געבנ אימ צו געדענקענ.

ער האָט ארויסגענומענ פונ קעשענע אנ אופגענייט העפטעלע אונ האָט געזאָגט:

„אלצ איז דאָ פארשריבנ, אלע זײַנע אייצעס, אלע זײַנע ווערטער“.

ווי א הייליקײַט, ווי א פאָנ היט מענ אינ שטאב פונ באטאליאָנ קוניקאָווס העפט מיט זײַנע נאָטיצנ וועגנ דער טאקטיק פונ דעסאנט-שלאכטנ. קוניקאָווס שילער אונ שלאכט-כאווער, דער העלד פונ סאָוועטנפארבאנד קאפּיטאנ-לייטענאנט וואסילי באָטיליאָוו, וואָס האָט אָנגעפירט מיטנ באטאליאָנ בײַסנ סענטיאבער-שטורעמ פונ נאָוואָראָסייסק, האָט ניט איינ מאָל בײַס דער צוגרייטונג צו אָט דער אָפּעראציע ארײַנגעקוקט אינעמ דאָזיקנ העפט.

אזוי האָט צעזאר קוניקאָוו מילכאָמע געהאלטנ קעגנ די דײַטשנ אויכ נאָכ זײַנ אומקומ.

פונ דעמלט אָנ איז ניט געווענ קיינ איינ דעסאנט-אָפּעראציע אפנ שווארצנ יאמ, אינ וועלכער עס זאָלנ ניט נעמענ קיינ אקטיוונ אָנטייל די מענטשנ, וואָס טראָגנ דעמ שטאָלצנ נאָמענ „קוניקאָווצעס“.

דאָס גאנצע לאנד ווייסט איצט די פאמיליעס פונ קוניקאָווס שילער, די העלדנ פונ סאָוועטנפארבאנד וואסילי באָטיליאָוו, אלעקסאנדער רייקו-באָוו, ניקאָליי סטארשינאָוו אונ פונ דעמ בארימטנ קאָמאנדיר פיאָדאָר קאטאנאָוו. אינ קערטש האָט זיכ אָנהייב פרילינג 1944 ארויסגעזעצט מיט קוניקאָווס באטאליאָנ קוניקאָווס געוועזענער פארטרעטער מאיאָר סטארשינאָוו. בייס די דעסאנטנ אינ מאריופאָל, טאגאנראָג, אָסיפענקאָ, ניקאָלייעוו, אקערמאנ, קאָנסטאנצע אונ בורגאס איז בארימט געוואָרנ דער געוועזענער שעפ פונעמ שטאב פונ קוניקאָווס אָטריאד מאיאָר פיאָדאָר קאטאנאָוו, וואָס זיינ פאמיליע איז פינפ מאָל דערמאָנט גע-וואָרנ אינ כאווער סטאלינס באפעלנ.

יאָרנ וועלנ אוועק, צעזאר קוניקאָווס רומ וועט אָבער קיינמאָל ניט פארגיינ.

# קאַפּיטאַנ פונ צווייטנ ראַנג ראַטנער

וועגנ ראַטנערנ האָב איכ געהערט שוינ לאַנג, פונ די ערשטע טעג מילכאָמע אָנ, באַגעגנט האָב איכ זיכ אָבער מיט אימ אונ זיכ איבערגעוואָרפנ מיט די ערשטע עטלעכע פראַזנ בלויז אינ דער נאַכט פונ דריטנ אַנטקעגנ פערטנ פעוורואַל 1943,— א נאַכט, וואָס אַלע שוואַרציאַמלער וועלנ זי געוויס פאַרגעדענקענ אַפ לאַנג. אינ יענער נאַכט זײַנענ גלײַכצײַטיק אונ סאַכאַקל אינ וועלכע צענ מײַל איינע פונ דער צווייטער דורכגעפירט געוואָרנ צוויי שטורמישע אונ האַזעדיק-דרייסטע דעסאַנט-אָפּעראַציעס. אינ סטאַניטשקע — א פאָר-שטאָט פונ נאָוואָראָסייסק — האָט זיכ אינ הינטערלאַנד בא די דײַטשנ, וואָס האָבנ פאַרטיידיקט די שטאָט, ארויסגעזעצט צעזאַר קוניקאָוו מיט זײַנע יאַם-אינפאַנטעריסטנ אונ האָט געמאַכט דעמ אָנהייב פונ דער באַרימטער נאָוואָראָסייסקער „קליינער ערד“— דעמ ערשטנ צענדליק קוואַדראַט-קילאָמעטער קאַווקאַזער ברעגלאַנד, וואָס איז באַפרײַט געוואָרנ פונ די דײַטשישע אָקופּאַנטנ.

אינ דער זעלבער נאַכט אונ אינ די זעלבע שאָענ האָט בא די פעלדזיקע ברעגנ פונ יוזשנאַיאַ אָזערייקאַ, וואָס געפינט זיכ ניט ווײַט פונ אַבראַו-דיורסאָ, אַנ אָטריאַד שיפּנ ארויסגעזעצט א דעסאַנט אונ געשטורעמט די שווערע באַטארייעס פונ די פאַשיסטנ.

בייס דער דאָזיקער אָפּעראַציע בינ איכ געווענ אַפ דער פלאַגמאַנ-שיפ פונ דיוויזיאָנ שנעל-טראַלערס, אונ כ'האָב קימאַט די גאַנצע

צייט פארבראכט אפן ברייקל, פונ וועלכנ עס האָט אָנגעפירט מיט די אָפּעראציעס פונ זיינ דיוויזיאָנ ראטנער, דעמלט נאָכ קאפיטאנ פונ דריטנ ראנג. ניט קיינ הויכער ברונעט, מיט א שפּיציק פּאָנעם אונ א הויקערדיקער נאָז, מיט פריער גרויקייט אינ די האָר (געבאָרנ איז ער אינ 1912), א דארער, מיט שנעלע, אימפּעטפולע באוועגונגענ, אינ א לעדערנעמ רעגלאנ, וואָס איז געהאנגענ אפ אימ ווי א זאק, האָט ער מיט זיינ גאנצנ אָנבליק לאכלוטנ ווידערשפּראָכנ דער געוויינלעכער ראָמאנטישער פּאָרשטעלונג וועגנ א יאמ-אָפיצער.

עס איז אָבער גענוג געווענ כאָטש א פערטל שאָ זיכ צוקוקנ, ווי רויק אונ פּינקטלעכ ער גיט אָפּ באפעלנ, ווי זיכער ער פירט זיינע שיפנ צומ אָרט פונ דעסאנט פארביי פיינטלעכע באטארייעס, פארביי דעמ אָקופּירטנ נאָוואָראָסייסק, איבער מינענ-פעלדער, אינ געדיכטנ נאכט-כוישעכ, וועלכנ עס שניידנ יעדער רעגע דורכ בלענדנדיקע דייטשישע ראקעטנ, — עס איז גענוג געווענ אָט דאָס פערטל שאָ זיכ צו איבערצייגנ, אז מיר האָבנ צו טאָנ מיט א געניטנ אונ טאלאנטפולנ יאמ-אָפיצער.

ווי א סאכ אנדערע יאמלייט, האָט ראטנער ניט אינ דער קינדהייט, ניט אינ דער יוגנט ניט געטרוימט אונ ניט געקליבנ זיכ צו ווערנ א יאמ-מענטש. קיינ שומ יאמ-טראדיציעס איז אינ זיינ מישפּאָכע, נאטירלעכ, ניט געווענ. וואָרעמ ווי קומענ יאמ-טראדיציעס אינ א מישפּאָכע פונ א באָברויסקער בוכהאלטער!

דאָס ייִנגל איז געוואקסנ אזוי ווי מיליאָנענ אנדערע סאָוועטישע קינדער. ארומגעיאָגט טויבנ, געווענ א פארקאָכטער ראדיאָ-אונ פאָטאָ-ליבהאָבער אונ אנ אווטאָמאָביליסט. אז ער איז אונטערגעוואקסנ, האָט ער זיכ אָנגעהויבנ פארנעמענ מיט ספּאָרט: מיט לייכט-אטלעטיק, גימנאסטיק, ספּאָרט-שפּילנ, גליטשערס, ליזשעס. ער האָט געענדיקט דעמ מעכאנישנ טעכניקומ פונ דער נייִ-אינדוסטריע, געארבעט אלס מעכאניקער אינ מאָסקווער פאבריקנ אונ וואָלט שוינ געוויס

אפנ גאנצנ לעבנ געבליבנ א יאבאָשע-מענטש, ווענ ניט זײַנ עלטערער ברודער, אנ אלטער מיליטערמאַנ, וואָס האָט אימ געייצעט צו גייג אינ פלאָט.

איצט לויכטנ באַמ קאַפּיטאַנ פונ צווייטנ ראַנג ראַטנער אפ דער ברוסט פיר אָרדענס אונ פיר מעדאַלנ: דער העכסטער יאַמ-אָרדענ — דער אושאַקאָװ-אָרדענ, דרײַ אָרדענס פונ דער רויטער פאָנ, די מעדאַלנ: „פאַר שלאַכט-פאַרדינסטנ", „פאַר פאַרטיידיקנ אָדעס", „פאַר פאַרטיידיקנ סעוואַסטאָפּאָל", „פאַר פאַרטיידיקנ קאַווקאַז". פאַראַנ אינ שוואַרציאַמישנ פלאָט כוץ ראַטנערנ נאָכ אָפיצערנ, וואָס פאַרמאָגנ צו דרײַ אָרדענס פונ דער רויטער פאָנ, פאַראַנ אזעלכע, וואָס זײַנענ באַלוינט מיטנ אושאַקאָװ-אָרדענ, אָבער זעלטנ ווער ס'איז באַלוינט אי מיט אנ אושאַקאָװ-אָרדענ אי מיט דרײַ אָרדענס פונ דער רויטער פאָנ.

ס'זײַנענ אויכ ניטאָ אינ שוואַרציאַמישנ פלאָט קיינ סאַכ אָפיצערנ, וואָס זאָלנ האָבנ אזויפיל געשוומענ פרידנסצײַט אונ וואָס זאָלנ די גאַנצע מילכאָמע האָבנ אָפּגעווענ דירעקט אינ פײַער פונ די ביטערסטע שלאַכטנ.

אינ 1935 האָט ראַטנער פאַרענדיקט צוויי-יאָריקע קורסנ פונ קאָמאַנדירנ-באַשטאַנד פונ שוואַרציאַמישנ פלאָט אונ איז באַשטימט געוואָרנ פאַרנ קאָמאַנדיר פונ דער באַטאַריי פונעמ הויפּט-קאַליבער אפנ קרייסער „טשערוואָנאַ אוקראַיִנאַ". אינ א יאָר ארומ האָט מענ אימ באַשטימט פאַרנ געהילפס-קאָמאַנדיר פונ דעמ דאָזיקנ קרייסער, אונ נאָכ אינ א יאָר ארומ — פאַרנ עלטערנ געהילפ — נאָכנ קאָמאַנדיר איז עס דער ערשטער אָפיצער אפ א שיפ. דאָס איז געווענ א זעלטענער פאַל אינ פלאָט, ווענ פאַר א עלטערנ געהילפ זאָל מענ באַשטימענ א לייטענאַנט.

אינ אַפּרעל 1939 האָבנ זיכ פיר שנעל-טראַלערס אוועקגעלאָזט אינ א לאַנגנ שווערנ וועג קיינ וולאַדיוואָסטאָק. דער רייס האָט גע-

דויערט דרײַ און פערציק טעג. פונ 1904, פונ זינט די עסקאדרע פונ דעמ אדמיראל ראָזשדעסטווענסקי איז דורכגעגאנגענ דורכנ שטילנ אָקעאנ, איז אונדזערע שיפנ ניט אויסגעקומענ דורכצומאכנ אזעלכע לאנגע רייסנ. די קליינע שיפנ האָבנ געהאט אויסצושטיינ טראָפּישע היצנ, אָקעאנ-שטורעמס אינ אינדישנ אונ שטילנ אָקעאנענ. דער וועג צווישנ אדענ אונ קאָלאָמבאָ, בא א דריטהאלבנ טויזנט קילאָמעטער, איז דורכגעמאכט געוואָרנ, ניט ארײַנגייענדיק אינ קיינ פּאָרטנ, 1500—2000 מײַל פונ ברעג. מע דארפ גאָר ניט זײַנ קיינ פאכמאנ צו פארשטיינ, ווי שווער אונ געפערלעכ עס איז אזא רייס אפילע פאר פיל גרעסערע שיפנ, אפילע אויב מיט זיי פירנ אָנ מענטשנ, וואָס שווימענ שוינ לאנג ארומ אינ די דאָזיקע געפערלעכע ערטער. הײַנט ווער רעדט נאָכ, אז ניט בא ראטנערנ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט איינעמ פונ די טראלערס, ניט בא די איבעריקע דרײַ שיפ-קאָמאנדירנ, איז ניט געווענ קיינ שומ דערפארונג פונ שיפ-פירונג אינ די דאָזיקע מעקומענ. אונ דאָכ איז דער רייס דורכגעגאנגענ אויסגעצייכנט. די יונגע סאָוועטישע יאמלײַט האָבנ מיט ערע אויסגעהאלטנ דעמ שווערנ עקזאמענ.

דעמ 22 יונ 1941 פיר אזייגער אינדערפרי, גלײַכ נאָכ דער פארעטערישער באָמבארדירונג, מיט וועלכער די דײַטשנ האָבנ אָנגעהויבנ די מילכאָמע קעגנ סאָוועטנפארבאנד, איז דער טראלער, מיט וועלכנ עס האָט אָנגעפירט ראטנער, דער ערשטער צווישנ אלע שיפנ פונ דער הויפט-באזע פונ שווארציאמישנ פלאָט ארויס אינ שלאכט-דאָזאָר. פונ אָנהייב יול אונ ביזנ 15 אָקטיאבער 1941 האָט ראטנער מיט זײַנ טראלער מילכאָמע געהאלטנ אינ אָדעס. ער האָט קאָנוואָירט שיפנ, געשטעלט מינעס באמ קעגנערס ברעג, געטראלט פײַנטלעכע מינעס בא אונדזערע ברעגנ. די שיפ האָט העלדיש איבערגעטראָגנ אלע שווערקײַטנ פונ דער אָדעסער פארטיידיקונג, האָט אויסגעצייכנט אויסגעפילט די אופגאבעס פונ דער קאָמאנדשאפט אונ

איז אײנע פונ די לעצטע אװעק פונ אָדעס, קעדײ אינ צװײ װאָכנ ארום אקטיװ אונ אפ א היפּשער צײַט זיכ אײַנשליסנ אינ דער העלדישער פארטײדיקונג פונ סעװאסטאָפּאָל.

די סעװאסטאָפּאָלער בוכטעס האָבנ זיכ געפונענ אונטערנ פײַער פונ די דײַטשישע באטארײעס. יעדנ טאָג פלעגנ פונ די נאָענטע פײַנטלעכע אעראָדראָמענ אָנפליענ באָמבארדירער. עס איז אומזיסט געװענ צו ריזיקירנ מיט די שיפנ אונ איבערלאָזנ זײ אינ סעװאסטאָפּאָל. װענ אלע שיפנ זײַנענ אװעקגעפירט געװאָרנ צומ קאװקאזער ברעגלאנד, איז ראטנערס טראלער געבליבנ די אײנציקע שיפ, װאָס האָט זיכ באזירט אינ באלאגערטנ סעװאסטאָפּאָל. זײַנ גרונט-אופגאבע איז געװענ — דורכפירנ די שיפנ אונ טראנספּאָרטנ, װאָס פלעגנ באנאכט קומענ קײנ סעװאסטאָפּאָל, אונ ארױסבאגלײטנ זײ צוריק דורכנ שמאָלנ פארװאטער אינ די מינענ-פעלדער, װאָס האָבנ פארצאמט דעמ װעג צו דער הױפּט-באזע. כוצ דעמ האָט נאָכ ראטנער באשאָסנ די פײַנטלעכע פּאָזיציעס, אָפּגערײניקט די בוכטעס פונ די מינעס, מיט װעלכע די דײַטשישע אעראָפּלאנענ פלעגנ קעסײדער פארװארפנ דעמ האפנ, האָט זיכ באטײליקט אינ דעסאנט-אָפּעראציעס.

צוערשט איז ראטנער געשטאנענ אינ דער בוכטע סטרעלעצקאיא. װענ די פאשיסטישע הארמאטנ האָבנ זי אָנגעהױבנ סיסטעמאטיש באשיסנ, איז ראטנער אריבער אינ דער בוכטע יוזשנאיא אונ האָט זיכ אװעקגעשטעלט לעבנ דעמ װענטל פונ יאמ-זאװאָד. װו צו מאנעװרירנ איז ניט געװענ. פונ גאנצ פרי אָנ אונ ביז שפּעט אינ אָװנט איז די שיפ געװענ א מינ אומבאװעגלעכע ציל-ברעט פאר די דײַטשישע אעראָפּלאנענ אונ ארטילעריסטנ. פונ אָנהײב פלעגט נאָכ ראטנער הײסנ שיסנ אינ די אעראָפּלאנענ, דערנאָכ, בײסנ דריטנ שטורעמ, איז דאָס געװאָרנ אינגאנצנ אומזיניק: צופיל דײַטשישע אעראָפּלאנענ זײַנענ קעסײדער געהאנגענ איבער די בוכטעס פונ דער העלדישער שטאָט.

די ערשטע זעקס טעג פונעמ דריטנ שטורעמ האָט קײנער ראטנערס טראלער ניט געטשעפּעט. דערנאָכ פלעגנ פינפ—זעקס מאָל א טאָג קומענ עראָפּלאנענ ספּעציעל אימ צו באָמבארדירנ. די שיפ האָט ניט געענטפערט. דערנאָכ, אז ס'איז שוינ געוואָרנ אינגאנצנ ניט אריבערצוטראָגנ, איז ראטנער אריבער אינ דער בוכטע קילענ און האָט זיכ פארמאסקירט פאר א רויִנירטנ אנקער-פּלאצ: מע האָט ארופגעטשעפּעט אפ דער שיפ ברעזענט, ברעטער, אופגעריטענע רעלסנ און קלעצער. דעמ אויבערדעק האָט ער געהייסנ פארשיטנ מיט זאמד. באנאכט, פארנ ארויסגיינ אינ יאמ, פלעגט דאָס גאנצע ביסל מיסט אראָפּגענומענ ווערנ, יעדנ אינדערפרי פלעגט זיכ די שיפ פארמאסקירנ פונדאָסנײַ. אינ א טאָג פינפ ארומ האָבנ די דײַטשנ דאָכ באמערקט די שיפ און עס האָבנ צו איר אָנגעהויבנ צושטיינ „מעסערשמידטנ", עס איז אָבער ניט געווענ מער וווהינ אוועקצוגיינ, אינ די איבעריקע בוכטעס איז געווענ נאָכ ערגער.

דער דאָזיקער גענעמ האָט געדויערט ביז 13 יונ. דעמ 13 יונ האָבנ אפנ טראוולערס פונעמ קאפּ פּיאָלענט פיר באָמבעס געטראָפנ אינ ראטנערס טראלער, און ער האָט זיכ גענומענ טרינקענ. ראטנער, וועלכער האָט זיכ געפונענ אפנ בריקל, איז שווער פארוווּנדעט געוואָרנ אינ רוקנ, אינ ברוסט, אינ דער רעכטער לונג און אינ דער לינקער האנט. ער איז אומגעפאלנ און האָט באפוילנ דעמ רודערער ארויסשלעפּנ א גרויסנ שפּליטער, וואָס האָט געשטעקט בא אימ אינ רוקנ. מע קענ זיכ פאָרשטעלנ, אז דער רודערער האָט דורכגעפירט די דאָזיקע אָפּעראציע ניט לויט אלע קלאָלימ פונ כירורגיע. אזוי צי אנדערש, נאָר ער האָט עס אָפּגעטאָנ. ראטנער האָט אפ א רעגע פארלאָרנ דעמ באוווּסטזײַנ, ווענ ער איז געקומענ צו זיכ, האָט ער געהייסנ פארטרינקענ דעמ קעלער מיט די שלאכט-מאטעריאלנ, קעדיי עס זאָל ניט פאָרקומענ קיינ אופרײַס. פונ די צוויי שיפלעכ וואָס האָבנ זיכ געפונענ אפנ טראלער, איז איינס געווענ צעשמעטערט,

דעריבער האָבנ אַלע לײַכט פאַרווּנדעטע אונ געזונטע אָפיצערנ אונ שלאַכטלײַט באַקומענ אַ באַפעל זיכ לאָזנ שווימענ צום ברעג. די שווער פאַרווּנדעטע האָט מענ אַרײַנגעזעצט אינעם געבליבענעם שיפל. די דײַטשנ האָבנ ניט אופגעהערט פיקירנ. אינעם הו-האַ האָט עמעצער פאַרגעסנ צו פאַרשטעקנ דעם פראָפּנ אינ שיפל. דאָס שיפל האָט זיכ גלײַכ אָנגעהויבנ אָנפילנ מיט וואַסער דורכ דער עפענונג פונ פראָפּנ אונ דורכ די לעכער, וואָס די שפּליטערס האָבנ געמאַכט. פונ שיט האָט מענ אינ שיפל אַרײַנגעוואָרפנ אַ קעסעלע, מיט וועלכנ די פאַרווּנדעטע האָבנ גענומענ אויסשעפּנ דאָס וואַסער. צוויי שלאַכט-לײַט האָבנ מיט אַלע קויכעס אָנגעהויבנ רודערנ צום ברעג. איינער פונ זיי, סאַשאַ געלדזיאַשווילי, איז געווענ זייער שווער פאַרווּנדעט. ער איז אָבער געווענ אַ גוואַר אַ יונג. מיט איבערגעהאַקטע ריפּנ האָט ער געאַרבעט מיט די רודערס, ווי בײַס מאַנעווערנ. אַפ מאָרגנ איז ער געשטאָרבנ.

ביזנ ברעג איז געווענ אַ דרײַ קאַבעל-לענג. די „מעסערשמידטנ" האָבנ ניט אופגעהערט צו באַשיסנ פונ האַרמאַטנ אונ קוילנוואַרפערס די פאַרווּנדעטע אונ געזונטע יאַמלײַט, וואָס זײַנענ געשווּמענ צום קאַפּ פּיאָלענט. די רודערער אינ שיפל האָבנ געאַרבעט מיט אַלע קויכעס, דאָס וואַסער האָט אָבער אַזוי שנעל אָנגעפילט דאָס שיפל, אַז מע האָט עס ניט געקענט באַווײַזנ אויסשעפּנ. אַ מעטער צוואַנציק פונ ברעג, איז דאָס שיפל אַוועק צום גרונט, אָבער פונ ברעג איז צוגעקומענ אַ פישער-שיפל אונ עס האָט זיכ אײַנגעגעבנ אַלעמענ צו ראַטעווענ.

ראַטנערנ האָט מענ אופגעהויבנ אונ אַוועקגעטראָגנ אינ דער הייל, ווו עס האָבנ זיכ באַהאַלטנ פונ פאַשיסטישע סנאַריאַדנ אונ באָמבעס אײַנוווינער פונ סעוואַסטאָפּאָל. אַ פעלדשער האָט אים געמאַכט אַנ אײַנשפּריצונג קעגנ סטאָלבניאַק אונ איבערגעבונדנ, אַפ וויפל עס האָט זיכ געלאָזט אינ אַזוינע באַדינגונגענ, זײַנע וווּנדנ.

פונדאנענ האָט ראטנער צוגעזענ די לעצטע מינוטנ פונ זײַנ שיפ. די שיפ האָט זיכ שטארק אָנגעגייגט, דערנאָכ האָט זי זיכ שווער איבערגעקערט מיטנ קיל ארופ אונ אָנגעהויבנ פארשווינדנ אונטערנ וואסער. אָט האָבנ העל א פינקל געטאָנ אפ דער זונ אונ זײַנע פארשווינדנ אויכ די שריפנ. דעמלט האָט ראטנער, וואָס איז די גאנצע צײַט געווענ רייי אונ צוריקגעהאלטנ, וואָס האָט זיכ אפ קיינ איינ מינוט ניט פאו 'נ בייס די שטארקסטע באָמבארדירונגענ, דעמלט האָט ער ניט או יהאלטנ אונ זיכ ביטער צעוויינט.

איינגיכנ האָט מענ אימ איבערגעפירט אינ פיאָלענטער שפיטאָל אונ דאָרט אָפעררירט. דאָרט איז ער אָפגעלעגנ צוויי מעסלעס, דער-נאָכ האָט מענ אימ אריבערגעפירט אינ דער בוכטע קאראנטינאיא, אינ א שטאָלניע, אונ דעמ 18-טנ יונ האָט מענ אימ אפנ קרייסער „וואָראָשילאָוו” אריבערגעפירט קיינ נאָוואָראָסייסק. סאָפ אווגוסט איז ער ארויס פונ שפיטאָל אונ איז באשטימט געוואָרנ אלס קאָמאנדיר פונ א דיוויזיאָנ טראלערס.

אינ דעקאבער 1942 זײַנענ צוויי טראלערס פונ ראטנערס דיוויזיאָנ אונטער זײַנ אָנפירונג ארויס אינ אנ אָפעראציע קעגנ די פײַנט-לעכע קאָמוניקאציעס קאָנסטאנצא — סולינא — אָדעס. פונ 8 אזייגער מיט 30 מינוט ביז 11 אזייגער מיט 45 מינוט האָט ראטנער קרייסירט אזוי נאָענט פונ ברעג, אז מע האָט אימ פונ דאָרט געקענט זענ. די פײַנטלעכע באטארייעס האָבנ געשוויגנ. זיי האָט גאָר אינ קאָפ ניט געקענט אײַנפאלנ, אז סאָוועטישע שיפנ שפאצירנ זיכ רויק ארומ לעבנ די פײַנטלעכע ברעגנ; גאָר ניט ווײַט פונ סולינא, ווו עס זײַנענ געשטאנענ דעמ קעגנערס באדײַטנדיקע מיליטערישע יאמ-קרעפטנ. 11 אזייגער מיט 45 מינוט האָט זיכ אפנ האָריזאָנט באוויזנ א רויכ. ראטנער איז אוועק אימ אנטקעגנ. איינגיכנ האָט מענ שוינ געקענט זענ צוויי טראנספאָרטנ. דעמ עסקאָרט האָט מענ פונ אָנהייב ניט געזענ, נאָר אז מע האָט זיכ דערנעענטערט, האָט זיכ באוויזנ

אויכ דער עסקאָרט: זעקס גרויסע קאַטערנ יעגער אונ א מינענ-טרעגער פונעמ טיפ „גאַלוק". דער סוינע האָט געהאַט אנ איבערוואָג, אונ דערביי א באַדייטנדיקע, שוינ אָפּגערעדט דערפונ, אז יעדער רעגע האָט ער געקענט באַקומענ הילפ פונ סולינא.

דער מינענטרעגער האָט אָנגעהויבנ געבנ סיגנאַלנ. ראַטנער האָט באַפוילנ ניט ענטפערנ אונ צוגרייטנ זיכ. קעדיי קלאָר צו מאַכנ, ווי וויַיט קאָנ שיסנ דער סוינע, האָט ראַטנער באַשאָסנ דעמ פּאָ-דערשטנ טראַנספּאָרט אונ גלייַכ נאָכדעמ געענדערט דעמ קורס. דער קעגנער האָט אָנגעהויבנ ענטפערנ, נאָר זיַינע סנאַריאַדנ זיַינענ היפּש ניט דערפלויגנ. דעמלט האָט ראַטנער זיכ וויַיטער אויסגעקערעוועט צו דעמ קעגנערס שלאַכט-שיפנ, ניט אופהערנדיק שיסנ. די טראַנספּאָרטנ האָבנ פאַרקערעוועט צומ ברעג, אויסרעכענענדיק, אז די סאָוועטישע שיפנ וועלנ ניט וואַגנ זיי צו פאַרפאָלגנ סאַמע לעבנ די פיַינטלעכע ברעגנ. נאָר ראַטנער איז זיי פאַרלאָפנ דעמ וועג. אינעמ מעסט-אַפּאַ-ראַט האָט ער קלאָר געזענ, אז איינ פאָדערשטנ טראַנספּאָרט האָבנ גע-טראָפנ ניט ווייניקער פונ צענ סנאַריאַדנ.

דערוויַיל האָבנ זיכ די פיַינטלעכע שיפנ געכאַפּט, אז זיי האָבנ דאָ צו טאָנ מיט א פיל שוואַכערנ קעגנער. זיי האָבנ געמאַכט א רויכ-פאָרהאַנג, קעדיי צו פאַרשטעלנ די טראַנספּאָרטנ, אונ אַליינ באַ-שלאָסנ צו גיינ אינ אַטאַקע. זעקס מאָל זיַינענ זיי געגאַנגענ אינ אַטאַקע אונ האָבנ גאָרניט אויסגעפירט. ראַטנערס שיפ האָט מיט די קליינקאַליבערדיקע האַרמאַטנ אָפּגעשלאָגנ זייערע אַטאַקעס, די האַרמאַטנ ווידער פונעמ הויפּט-קאַליבער האָבנ ניט אופגעהערט צו באַשיסנ די טראַנספּאָרטנ.

אָט האָט זיכ שוינ איינ קאַטער אופגעריסנ פונ די סאָוועטישע סנאַריאַדנ, עטלעכע סנאַריאַדנ האָבנ געטראָפנ אינ א צווייטנ. דער פיַינטלעכער מינענטרעגער האָט די גאַנצע צייַט געררייכערט, געמאַכט פונ נאַפט-רויכ א פאָרהאַנג. געמאַכט האָט ער אימ אָבער אויסערסט

שלעכט און קיין זאַך ניט פֿאַרשטעלט. באַקומען זײַן כּײלעק סנאָ-ריאַדן, האָט ער זיך אויסגעקערעוועט און גענומען מאַכן פּלייטע. זײַגיכן האָט דער צווייטער טראַנספּאָרט און דער גאַנצער איבעריקער קאָנוואָי זיך געלאָזט נאָך אים, קיין סולינאַ, וואָס האָט זיך געפֿונען אַ מײַל זעקס פֿון דאָרט. איצט האָט ראַטנער דעם גאַנצן פֿײַער פֿון זײַנע שיפֿן קאָנצענטרירט אויפֿן פֿאָדערשטן טראַנספּאָרט, וואָס האָט זיך אײַנגיכן אָנגעצונדן, זיך אָנגעבויגט און זיך אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן ברעג.

פֿאַרניכטעט אַ טראַנספּאָרט, אַ גרויסן קאַטער אַ יעגער און אָנגעמאַכט גרויסע שאָדנס אויף נאָך עטלעכע קאַטערס יעגערס און אויפֿן פֿײַנטלעכן מינענטרעגער, האָט זיך ראַטנער נאָך דער דאָזיקער האַזעדיק-דרייסטער אָפּעראַציע אָן קיין שום פֿאַרלוסטן אומגעקערט צוריק אין זײַן באַזע.

איך האָב שוין דערציילט וועגן דעם אָנטייל פֿון ראַטנערס שיפֿן אין דער דאָרעם-אָזערייקער אָפּעראַציע. אויף מאָרגן באַנאַכט האָט ער אַוועקגעפֿירט זײַן דיוויזיאָן קיין סטאַניטשקאַ, און פֿון דער מינוט אָן האָט ער איין מעשעך פֿון דרײַ און צוואַנציק מעסלעס אָנגעפֿירט דאָרט מיט אַלע שווים-מיטלען, וואָס האָבן אַרויסגעזעצט דעסאַנט-מיליטער, אויסגעלאָדן שלאַכט-מאַטעריאַלן, דערנערונג, טעכניק און עוואַקוירט די פֿאַרוווּנדעטע. אונטערן קעסיידערדיקן פֿײַער פֿון די פֿײַנטלעכע באַטארייען, פֿלעגט ער יעדע נאַכט קומען צו דער „קליינער ערד” און פֿלעגט ביז איינדערפֿרי אונטער אַ האָגל קוילן, סנאַריאַדן, מינעס אָנפֿירן מיט דער קאָמפּליצירטער און אויסערגע-וויינלעכער שווערער אַרבעט פֿון אויסלאָדן די אַהער געבראַכטע מענטשן און פֿראַכטן און אָנלאָדן אויף די שיפֿן די פֿאַרוווּנדעטע.

פֿון אָנהייב מײַ 1943 און ביז דעם מאָמענט, ווען די געפֿאַרן מיצאַד אַלע מינים פֿײַנטלעכע שיפֿן און אַוויאַציע איז אויפֿן שוואַרצן יאַם ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן, האָט ראַטנער אָנגעפֿירט מיט

קאָנוואָיען. בא א דרײַסיק קאָנוואָיען האָט ער דורכגעפירט, און די קאראוואנען, וואָס ער האָט באוואכט, האָבן ניט געהאט קיין שום פארלוסטן. ניט איין מאָל האָט ער אָפּגעשלאָגן פארביטערטע אטאקעט פון פײַנטלעכע אונטערוואסער-שיפן, איינע פון זיי האָט ער היפּש צעשעדיקט, בײַס א נאכט-אָנפלי האָט זײַן שיפ אראָפּגעשאָסן א פײַנטלעכן באָמבארדירער.

נאָך א היפּשע צײַט נאָך דעם, ווי די פאשיסטישע שיפן האָבן אופגעהערט צו שנײַדן די וואסערן פונעם שווארצן יאם און די פאשיסטישע אעראָפּלאנען האָבן אופגעהערט צו באווײַזן זיך איבעם שווארציאמישן הימל, האָבן ראטנער און זײַנע שיפן געלעבט אן אָנגעשטרענגט און קעמפעריש לעבן. מע האָט געדארפט אָפּרייניקן דעם יאם פון אַן א שיר פײַנטלעכע מינעס, וואָס האָבן פארומרייניקט זײַנע וואסערן.

אָפט האָט זיך איבער די וואסער-ראכוועסן פונעם שווארצן יאם געלאָזט הערן א דונערדיק ווידערקאָל פון אופרײַסן, הויכע וואסער-זײַלן האָבן זיך אופגעהויבן דאָרט, ווו עס האָבן זיך נאָרוואָס אויסבאהאלטן די שטאָלענע כײַעס.

דאָס האָבן מיט ערע אויסגעפילט זייער געפערלעכע און בעקאָוועדיקע ארבעט די שיפן פונעם בארימטן שווארציאמישן אָפיצער, דעם קאוואלער פונעם אושאקאָוו-אָרדען, פון דרײַ אָרדענס פון דער רויטער פאָן — פונעם קאפיטאן פון צווייטן ראנג ראטנער.

## וועגן דעם דריסטן קוניקאָוועץ לעאָניד גערשמאַן

דער קאָמאַנדיר פֿונעם באַרימטן קוניקאָוו-באַטאַליאָן פֿון יאַם-אינפֿאַנטעריע — דער העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד וואַסילי באָטיליאָוו און דער קאָמאַנדיר פֿון זײַן ראָטע אווטאָמאַטלער — דער העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד אַלעקסאַנדער רײַקונאָוו האָבן מיר פֿאַראַיאָרן בײַם אונדזערע באַגעגענישן ביידע געשטעלט איין און די זעלבע פֿראַגע: צי האָב איך שוין עפּעס אָנגעשריבן וועגן לעאָניד גערשמאַנען. דערוווּסט זיך, אַז איך האָב נאָך ניט אָנגעשריבן, האָבן זיי מיט פֿאַרדראָס אָפּגעזיפֿצט און געזאָגט: — אומזיסט! טאַקע גאָר אומזיסט! אַ טײַערער קוניקאָוועץ געוועזן.

און ניט געשריבן האָב איך וועגן אים, ווײַל עס איז זייער שווער צו שרײַבן וועגן אַ מענטשן, וואָס דו האָסט אים קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען: איך בין געקומען אין קוניקאָווס באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך דער ערשטער אַרײַנגעריסן אינעם אָקופּירטן נאָוואָראָ-סיִיסק, אין צוויי טעג אַרום נאָך דעם, ווי גערשמאַן איז אומגעקומען.

אין 1944 איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אַפּן דונײַ. דאָ האָב איך אין יונ 1941 אָנגעהויבן מײַן מילכאָמע-וועג. דאָ האָב איך דערהערט דעם ערשטן פֿײַף פֿון אַ פֿײַנטלעכער באָמבע, דאָס וויִען פֿון אַ דײַטשישן סנאַריאַד, וואָס איז געפֿלויגן איבער מײַן קאָפּ. די דונײַ-פּלאָטיליע איז איצט זייער אַ מעכטיקע און גרויזאַמע

פארייניקונג, אלטע דונײַצעס איז שוין אָבער פארבליבן גאָר ווייניק. דעריבער האָט זיך בא מיר די באגעגעניש מיט יעדן אלטן באקאנטן פארוואנדלט אין א מין אָוונט פון דערינערונגען. איז אָט, אין דער שטילער, רויִקער באָלגארישער שטאָט רושטשוק האָב איך זיך צערעדט מיט איינעם אן אָפיצער, וואָס האָט דורכגעמאכט מיט דער דונײַ-פלאָטיליע איר גאנצן רומפולן און העלדישן וועג.

מיר האָבן שוין דערמאָנט די נעמען פון א סאך אונדזערע שלאכט-פרײַנט, ווען מײַן כאַווער האָט מיך א פרעג געטאָן:

— און גערשמאנען געדענקסטו?

— לעאָנידן? — האָב איך מאשינעל איבערגעפרעגט, און פלוצעם פארשטאנען, אז דער קוניקאָוועץ גערשמאן און דער גערשמאן, וועגן וועלכן עס האָט מיר איצט דערמאָנט מײַן כאַווער, איז איין און די זעלבע פערזאָן.

אויב אזוי, קען איך דאָך אים אויסגעצייכנט, גערשמאנען! ער איז געקומען צו אונדז אין פלאָטיליע אין סאמע אָנהייב מילכאָמע פון דער יאמישער גרענעץ-וואך. א דארער, מיטלוויקסיקער רויט-פלאָטלער. א העלער שאטען מיט אזא קאָמישער שטארק געקרײַזלטער פאטלע האָר, מיט גרויע אויגן, אן אָדערדיקער און א פארהארטעוועטער, איז ער געווען אן אומדערמידלעכער און אומויסשעפלעכער ווילצלינג, דער ליבלינג פון די שלאכטלײַט און קאָמאנדירן. מע האָט אים ליב געהאט פאר זײַן דרייסטקײַט, אויסדויער, פאר דער שטענדיקער אופגעלייגטקײַט, וואָס האָט ארויסגעשטראלט פון אים, ווי עס שטראלט ארויס וואַרעמקײַט פון אן אייוועלע אין א בלינדאזש. באזונדערס האָבן אים אָבער געאכטעט די שלאכטלײַט פאר זײַן קענען שפראכן. ער האָט געקענט דײַטש און רומעניש. פאר אים, א געבוירענעם אָדעסער אײַנוווינער, איז עס גאָר קיין כידעש ניט געווען. בײַם דער אָדעסער פארטיידיקונג האָט ער געארבעט אלס איבערזעצער באם גענעראל פעטראָוו.

איך ווייס ניט, ווו האָט ער מילכאָמע געהאלטן פון סאָפ 1941 ביז אָנהייב 1943. איך ווייס נאָר, אז געשלאָגן האָט ער זיך גוט, טרײַ און געוואגט, ווײַל אין קוניקאָווס באטאליאָן האָט מען אָפגעקליבן מענטשן זייער שטרענג.

אָנהייב פרילינג 1943 האָט מען גערשמאנען פארעכנט אין קוניקאָווס באטאליאָן, און ער האָט אָנגעהויבן זיך באטייליקן אין די אָפעראציעס אפ דער נאָוואָראָסייסקער „קליינער ערד" — אין מיסכאקאָ. קוניקאָווס אָדלערס האָבן פארכאפט דאָס דאָזיקע שטיקל סאָוועטיש ערד באם סוינע אין הינטערלאנד, און קוניקאָווס אָדלערס האָבן ניט קיין קליינעם פארדינסט אינעם רעגולערן באזאָרגן דעם גארניזאָן פון מיסכאקאָ מיט אלדעם נייטיקן פאר די העלדישע זיבנכאדאָשימדיקע שלאכטן קעגן דעם סוינע, וואָס האָט זיך מיט ווילדער רעציכע געוואָרפן אפן הײַפל פארטיידיקער פון דער „קליינער ערד".

אין יענע שווערע טעג איז דאָס איינציקע פארבינדונגס-מיטל פון מיסכאקאָ געווען דער יאמ. דערבײַ האָט מען קיין גרויסע שיפן ניט געקאָנט אויסנוצן: די גאנצע טראסע ביזן אנקער-פלאץ איז געווען אין ווירקונגס-ראדיוס פון דער פײַנטלעכער ארטילעריע און מינענווארפערס. די פארבינדונג מיט דער „קליינער ערד" איז אין יענע טעג, ריכטיקער, נעכט, פארווירקלעכט געוואָרן מיט דער הילפ פון מאָטאָבאָטן.

ניט יעדער איינער ווייסט, וואָס אזוינס איז א מאָטאָבאָט. ווען גערשמאן איז צום ערשטן מאָל ארופ אפ א מאָטאָבאָט, האָט ער טיפזיניק באמערקט, אז דאָס איז א „טיפישער ניט-לינקאָר". אפ צו באקומען א פאָרשטעלונג וועגן די מאָטאָבאָטן איז אָבער גערשמאנס כאָכמע בעפיירעש ניט גענוג.

א מאָטאָבאָט איז א קליינינק אײַזערן שיפל, אָן אן אויבערדעק מיט א געוויינלעכן אווטאָמאָביל-מאָטאָר. קיין שום פאנצער פארמאָגט

עס ניט. דער קויעכ אונ דער פאַנצער פונ די מאָטאָבאָטנ זײַנענ די רויטפלאָטלער, וואָס פלעגנ יעדע נאַכט דורכמאַכנ אַפ זיי האָזעדיק-דרייסטע אָפעראַציעס. קימאַט יעדע נאַכט פלעגנ די מאָטאָבאָטנ אַוועקגיינ אינ א שווערנ אונ געפערלעכנ רייס — זיי פלעגנ ברענגענ אַפ דער „קליינער ערד" מענטשנ, שלאַכט-מאַטעריאַלנ אונ דערנערונג, אַוועקפירנ פונ דאָרט פאַרוווּנדעטע.

אינ קאַלטע אונ בייזע שטורעמ-נעכט פלעגנ די מאָטאָבאָטנ אַוועקגיינ אינ נאַכטישנ געדיכטנ כוישעכ אונ פלעגנ געטרײַ אויספילנ זייער שלאַכט-כויוו. דער סוינע האָט זיי געהאַלטנ אינ איינ באַשיסנ פונ האַרמאַטנ, פאַרוואַרפנ מיט מינעס אונ באָמבעס, האָגלענ מיטנ פײַער פונ זײַנע קוילנוואַרפערס. בייזע כוואַליעס האָבנ פאַרגאָסנ די שיפלעכ, קיינ זאַכ האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די שרעקלאָזע סאָוועטישע יאַמלײַט.

אַפ אַזאַ מאָטאָבאָט האָט אָנגעהויבנ גייַנ אינ שלאַכט אַלס אָנפירער פונ א פינפלינג לעאָניד גערשמאַנ. העכער צוואַנציק מאָל האָט ער דורכגעמאַכט די דאָזיקע רייסנ, וואָס יעדערער פונ זיי איז געווענ א העלדנטאַט אינ העכסטנ אונ שענסטנ זינ פונ דעמ דאָזיקנ וואָרט. ניט איינ מאָל איז אימ דערבײַ אויסגעקומענ צו ראַטעווענ מענטשנ פונ די אומקומענדיקע מאָטאָבאָטנ. עס איז געווענ א פאַל, ווענ ער איז צוויי מיט א האַלבער שאָ אַרומגעשווּמענ אונטער א האָגל פײַנטלעכע קוילנ, ראַטעווענדיק זײַנע אומקומענדיקע כאַווײרימ. ער איז געווענ אַנ אויסגעצייכנטער שווימער אונ א טרײַער שלאַכט-כאַווער.

שפּעט באַנאַכט סענטיאַבער 1943 האָבנ זיכ די קוניקאָוועצעס אַפ קאַטערס יעגערס אונ טאָרפּעדנ-קאַטערס ארײַנגעריסנ גלײַכ אינעמ פּאָרט פונעמ אָקופּירטנ נאָוואָראָסײַסק, זיכ אַרויסגעזעצט אונטער דעמ סוינעס ביטערנ פײַער אַפ די שטאַרק פאַרמינירטע אַנקער-סטאַנציעס אונ האָבנ פינפ מעסלעס זיכ געשלאָגנ נאָכאַנאַנד קעגנ א קעגנער,

וואָס איז געווענ אי באַדײַטנדיק גרעסער אינ צאָל אי בעסער באַוואָפנט פונ זיי. צווישנ די, וואָס האָבנ זיכ אינ יענע טעג באַדעקט מיט אייביקנ רומ, איז געווענ לעאָניד גערשמאַנ. די גאַנצע צײַט איז ער געווענ מיטנ קאָמאַנדיר פונ דער ראָטע אוטאָמאַטלער מיט אַלעקסאַנדער רײַקונאָוו. דער באַטאַליאָנ איז געווענ צעוואָרפנ איבער זייער אַ גרויסנ שטעטל. ער האָט זיכ געווערט קעגנ די אָנגרײַפנדיקע דײַטשנ. דאָס איז טאַקע געווענ זײַנ שלאַכט-אויפגאַבע: אַרײַנרײַסנ זיכ אינ שטאָט, אַרויסרופנ אַ פּאַניק באַמ סוינע, אָפּציִענ אָפּ זיכ וואָס מער פײַנטלעכע קרעפטנ, קעדיי צו פאַרלײַכטערנ די אויפגאַבע פונ די טיילנ פונ דער רויטער אַרמיי, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ דעמ גענעראַלנ שטורעמ פונ נאָוואָראָסיִיסק.

די פאַרטיידיקונג-ליניע פונ דער ראָטע אוטאָמאַטלער האָט זיכ צוערשט געפונענ אינ עטלעכע ווײַט צעוואָרפענע הײַזער. אַ פעסטער רונג פאַשיסטישע סאָלדאַטנ האָט אַרומגערינגלט יעדעס הויז. מע האָט געמוזט אומ יעדנ פרײַז אונטערהאַלטנ די פאַרבינדונג צווישנ די איינער פונעמ צווייטנ אָפּגעריסענע ווזוואָדנ. דערמיט האָט זיכ טאַקע פאַרנומענ גערשמאַנ. ווי פויזענדיק אַפנ בויכ, ווי לויפנדיק, האָט ער זיכ אונטערנ האָגל פײַנטלעכע קוילנ דורכגעריסנ דאָ צו איינ גרופּע קוניקאָווצעס, דאָ צו אַ צווייטער, איבערגעבנדיק די באַפעלנ פונעמ קאָמאַנדיר אונ צונויפנעמענדיק די שלאַכט-מיטיילונגענ. עטלעכע מאָל איז ער געגאַנגענ אינ האָזעדיק-דרייסטע אויסשפּרונגענ אונ האָט זיכ אַלעמאָל אומגעקערט אַ גאַנצער, אַ געזונטער, אַ פריילעכער מיט די נײַטיקע יעדיִעס.

פאַר די פיר טעג, וואָס ער האָט אָנטייל גענומענ אינעמ נאָוואָראָסיִיסקער דעסאַנט, האָט ער אָוועקגעלייגט אַכצנ פאַשיסטנ. די פאַרווונדעטע האָט ער ניט געציילט. דאָס, האָט ער געזאָגט, איז אַ האַלבע אַרבעט: בראַק. אונ בראַק רעכנט זיכ ניט.

איינמאָל איז ער געלעגנ באַהאַלטנ הינטער אַ קליינ הײַזל בא

א טײַכל, וואָס איז מער ענלעכ געווענ צו א רינווע. אפ יענער זײַט טײַכל האָט זיכ פונ הינטער די ביימער באַוויזנ א גרופּע ביז די ציינ באַוואָפנטע רומענער. זיי האָבנ געוווּסט, אז קיינ סאָוועטישע שלאַכטלײַט מוזנ דאָ ניט זײַנ און זײַנענ דעריבער געגאַנגענ פאָרויס מיט פרעכער גײַווע.

— נעמ זיי אפ דער מושקע, — האָט גערשמאַנ א שעפּטשע געטאָנ צו זײַנ פרײַנט, דעמ שטילנ ייִדישנ באָכער אוורהאָמ דאָלינסקי, מיט וועלכנ ער איז דאָ געלעגנ באַהאַלטנ, — און שיס נאָר לויט מײַנ קאָמאַנדע.

דערנאָכ האָט זיכ גערשמאַנ אופגעהויבנ אינ זײַנ גאַנצנ וווּקס און האָט א געשריי געטאָנ אפ רומעניש:

— וואָס דרייט איר זיכ דאָ ארומ? אנו, מאַרש צו מיר!

— און ווער ביסטו אזוינער? — האָבנ א געשריי געטאָנ די רומענער, וואָס זײַנענ געווענ שטאַרק צעמישט פונעמ רומעניש ריידנ און פונעמ באַפעלערישנ טאָנ פונעמ אומבאַקאַנטנ אינ כאַקי געקליידטנ מענטשנ.

— איכ בינ א סאָוועטישער יאַמ-מאַנ! — האָט אפ רומעניש א געשריי געטאָנ גערשמאַנ און שוינ אפ רוסיש אָפּגעגעבנ דאָלינסקינ א קאָמאַנדע: — פײַער!

בלויז צוויי רומענער האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו אנטלויפנ. זעקס האָט דאָלינסקי אוועקגעלייגט אפנ אָרט מיט זײַנ האַנט-קוילנוואַרפער.

פינפ מעסלעס האָבנ די קוניקאָווצעס די אווטאָמאַטלער אָנ א ברעקל שפּײַז געהאַלטנ די פאַרטיידיקונג פונעמ וואָקזאַל און פונ די דרײַ עלעוואַטאָר-טורעמס, וואָס זיי האָבנ געהאַט פאַרכאַפּט. זיי האָבנ געטרונקענ פאַרדומפּנ, מיט נאַפט פאַרצויגנ וואַסער, וואָס זיי האָבנ אופגעקליבנ אפנ דעק פונ די קעלערס. אינ די לעצטע טעג פונ דער פאַרטיידיקונג האָבנ שוינ די מענטשנ, אָפּגעשוואַכטע פונ הונגער און קעסיידערדיקער שלאַכט, אפ אלע פיר (די פיס האָבנ שוינ ניט גע-

טראָגנ) ארופגעפויזעט איבער די צעבראָכענע, פארוואלגערטע טויפ צו זייערע שלאכט־פּאָסטנס, צו די אמבראזורעס, פענצטער און שפאלטנ. די דײַטשנ האָבנ געשאָסנ אינ דעם הײַפל העלדנ פונ האר־מאטנ, אָבער אלע זייערע פרווונ צו אײַנברעכנ די געוואגטע דעסאנט־לער האָבנ קיינ דערפאָלג ניט געהאט.

דרײַ מאָל איז גערשמאנ ארויס פונעם בלאָקירטנ עלעוואטאָר, קעדיי אײַנצושטעלנ א פארבינדונג מיטנ שטאב פונ באטאליאָנ, אונ יעדעס מאָל האָט ער זיכ אומגעקערט א גאנצער אונ א געזונטער. א שפּליטער פונ א פײַנטלעכנ סנאריאד האָט געטראָפנ דעם העלד ערעוו דעם טאָג, ווענ די דײַטשנ זײַנענ ענדגילטיק פארטריבנ גע־וואָרנ פונ נאָוואָראָסיִיסק.

מע האָט אים געבראכט צו קווּרע טאקע דאָ גופע, לעבנ וואָק־זאל, וואָס אינעם פארכאפּנ אים האָט ער זיכ באטייליקט. אינעם ברו־דער־קייווער ליגנ צוזאמענ מיט אים נאָכ פיר העלדנ — דרײַ רוסנ אונ איינ ארמענער. די ווארעמע דאָרעמדיקע זונ שטייט איבער דעם דאָ־זיקנ קייווער, ווי א וועכטער. זי באלײַכט די פּאָשעטע, נאָר ערנפולע אופשריפט:

„דאָ ליגנ שווארציאמישע יאמלײַט — קוניקאָוועצעס, וואָס האָבנ זיכ די ערשטע ארײַנגעריסנ אינ דער שטאָט נאָוואָראָסיִיסק דעם 10 סענטיאבער 1943".

דערנאָכ גייענ פינפ פאמיליעס. די דריטע פונ זיי איז — גערשמאנ, די פאמיליע פונ דעם פרייִלעכנ אָדעסער יונג אונ דרייסטנ קוניקאָ־וועצ, וואָס האָט זייער ליב געהאט דאָס לעבנ, נאָר דאָס היימלאנד אונ די פרײַהײַט — נאָכ מער.

# יויסעף בערמאַן פֿונעם שטעטל פּוכאָוויטש

איך האָב געדאַרפֿט האָבן יעדיעס וועגן דער אַרבעט פֿון די סאַניטאַרן בײַ נ. מע האָט מיך געשיקט צו יויסעף בערמאַן, דעם עלטערן לייטענאַנט פֿון מעדיצין־דינסט. איך האָב זיך דערנעענטערט צום סאַמע עק פֿונעם נאַקעטן און פּלאַטשיקן לאַנדפֿאַס, אַ לאַנגן, ווי אַ שלעכטער כאָלעם, אַהין, ווו עס האָבן זיך פֿון צײַט צו צײַט געהויבן הויכע זײַלן פֿײַער און זאַמד. טיילמאָל זײַנען די זײַלן געווען פֿון פֿײַער, רויך און וואַסער, און דאָס האָט באַדײַט, אַז די דײַטשישע סנאַריאַדן האָבן זיך געריסן ניט אויפֿן לאַנדפֿאַס, נאָר אין וואַסער לעבן די אַנקער־פּלעצער. און דאָך, ניט געקוקט אויף אַלץ, האָט דאָרט טאָג און נאַכט געקאָכט די אַרבעט: אונדזערע טיילן האָבן פֿאָרסירט דעם ברייטן דורכגוס און זיך געהאַלטן אין איינעם אַרויסזעצן אויפֿן ברעג, וואָס איז געווען פֿאַרנומען פֿונעם סוינע.

דאָרט, אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿונעם לאַנדפֿאַס, האָב איך געפֿונען יויסעף בערמאַנען, אַ זעקס־און־דרײַסיק־יאָריקן היפּש געפּאַקטן מענטש מיט רויטע באַקן און פּריילעכע, עטוואָס אַרויסטאַרטשענדיקע ברוינע אויגן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים און דערבײַ גלײַך באַשלאָסן בײַ זיך: אָט דאָס מוז זײַן אַ מענטש מיט אַן אומגעוויינלעכער ביאָגראַפֿיע. און כ'האָב אַ טאָעס געהאַט. אָט איז זײַן געשיכטע.

ער איז געבוירן געוואָרן אין ווײַסרוסלאַנד, אין געוועזענער מינסקער גובערניע, אינעם שטעטל פּוכאָוויטש. דער, וואָס איז

אמאָל געווענ אינ יענע ערטער, קאָנ באשטעטיקנ, אז פּוכאָוויטש איז ניט משיקאגאָ. הײַנט שטעלט זיכ פאָר, אז אפילע אינ פּוכאָוויטש איז זײַנ פאָטער אווראָמ בערמאנ אויכ ניט געווענ דאָס איבערשטע פונ שטויסל. ער איז געווענ א קוסטאר, געשמאָלצנ כיילעוו פאר ליכט. ווענ יויסעפ איז א ביסל אונטערגעוואקסנ, האָט אימ זײַנ טאטע אוועקגעגעבנ לערנענ צו א באלמעלאָכע. איז יויסעפ בערמאנ געוואָרנ א קאמאשנ-שטעפּער, האָט געארבעט אינ וויטעבסק, אינ ניקאָלײַעוו, אינ דנעפּראָפּעטראָווסק, וואָס האָט נאָכ דעמלט געהייסנ קאטערינאָסלאוו. פארדינט האָט ער ניט שלעכט, נאָר עס האָט זיכ אימ געוואָלט לערנענ, אונ לערנענ גראָד מעדיצינ.

צו פינפ אונ צוואנציק יאָר האָט ער געענדיקט א מעדיציניש טעכניקומ אונ איז געוואָרנ א פעלדשער. דערנאָכ האָט ער כאסענע געהאט. געארבעט האָט ער דעמלט אינ ווײַסרוסלאנד, אינ פאָלקס-קאָמיסאריאט פאר געזונט-פארהיטונג. זײַנ ווײַב, טאטיאנא גריגאָריעוונא, האָט געארבעט אלס פערזענלעכער סעקרעטאר באמ פאָלקסקאָמיסאר פאר מילכ-אונ פלייש-אינדוסטריע. בא זיי איז געוואקסנ א פרײַלעכ, געזונט אונ קלוג טעכטערל — אניע. וואָס דארפ נאָכ א מענטש? אזוי האָט מענ געלעבט — גליקלעכ אונ אינטערעסאנט.

זונטיק, דעמ 22 יונ 1941, האָט זיכ אָנגעהויבנ די מילכאָמע. אונ דינסטיק דעמ 24-טנ האָבנ די דײַטשנ אראָפּגעוואָרפנ אפ מינסק א שלאָל מיט באָמבעס. די שטאָט האָט אָנגעהויבנ פלאקערנ פונ אלע זײַטנ. גרויל אונ טויט האָבנ גענומענ שפּאצירנ איבער אירע נאָכ ערשט אייערנעכטנ רויִקע גאסנ. עס האָבנ געברענט די נײַע הויכע מויערנ אונ די אלטע הילצערנע שטיבלעכ, די הויכשולנ אונ טעאטערנ, עס האָבנ געפלאקערט די אספאלטירטע ברוקנ אונ די סקריפּענדיקע הילצערנע טראָטוארנ.

בערמאנ איז געקומענ צו לויפנ פונ דער ארבעט אהיימ, האָט געפונענ אונ באווויִקט דאָס ווײַב מיטנ קינד, האָט זיי אוועקגעפירט

ביז אין אָוונט אין א וואלד, א קילאָמעטער דרײַ הינטער דער שטאָט, און אליין האָט ער זיך אומגעקערט אין פּאָלקסקאָמיסאריאט. דאָס הויז, ווו עס האָט זיך געפונען זײַן אנשטאלט, איז געווען רויִניִרט, און די טויער פון פּאָלקאָמאט האָבן זיך אריבערגעצויגן אין אן אנדער געבײַדע, ערגעץ עק שטאָט.

דעם טאָג האָט דער פעלדשער יויסעף בערמאן צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן געארבעט ניט אין אמבולאטאָריע, נאָר געהאט אזוי צו זאָגן „פּריוואטע" פּראקטיק. עס איז אים אויסגעקומען איבערצובינדן פּארבלוטיקטע מענטשן אף אויסגעריסענע, איבערגעאקערטע גאסן. וויפל מאָל האָט ער זיך געוואָרפן צו קערפּערס, וואָס זײַנען געלעגן ערגעץ אפן ברוק אָדער אין א טויער, קעדיי זיך באלד צו איבערצײַגן, אז מעדיציניש הילף איז שוין דאָ ניט שײַעך.

אין אָוונט איז ער געקומען צו לויפן אין וואלד נאָך זײַן מישפּאָכע, נאָר ער האָט זי דאָרט ניט געפונען. אין דער אָוונטיקער טונקלקייט האָט ער דאָ און דאָרט געזען מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעשפּארט אונטער די סאָסנעס. געווען צווישן זיי אויך זײַנע באקאנטע. איינער פון זיי האָט אים געזאָגט, אז עמעצער איז, דאכט זיך, צוגעפאָרן אף א מאשין (דאָס איז געווען אין סאמע ברען פון אָנפלי, ווען די עכט-אַרישע באָמבארדירער האָבן מיט עכט-אַרישער מעטאָדישקייט פארשאָטן מיט באָמבעס דעם וואלד און דעם דערבײַיִקן וועג) און האָט מיטגענומען מיט זיך בערמאנס פרוי און קינד.

מער האָט זיי יויסעף בערמאן ניט געזען.

דעם פינף-און-צוואנציקסטן יוני, אפן פערטן טאָג מילכאָמע, איז יויסעף בערמאן פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי.

דעם פינף-און-צוואנציקסטן אוגוסט איז בערמאן מיטן לעצטן צוג (עס האָט זיך אָנגעהויבן די בלאָקאדע) אָנגעקומען קיין לענינגראד, אינעם רויטפאָניקן באלטישן פלאָט. מע האָט אים באשטימט אלס עלטערן פעלדשער אף א שנעל-טראלער. דרײַ כאדאָשים איז ער

אָפּגעווענ אפ דער שיפ. אינ נאָיאבער האָט א פאשיסטישע באָמבע, צום ערשטנ מאָל נאָכ צענדליקער באָמבארדירונגענ, געטראָפנ אינ זײַנ טראלער. די שיפ איז געבליבנ אפנ וואסער אונ איז נאָכ געווענ קאמפּספּעיִק, נאָר א סאכ מענטשנ זײַנענ דערהארגעט אונ פארוווּנדעט געווענ. ארום האָבנ געפּײַפט באָמבעס אונ געדונערט זעניט-הארמאטנ, אונ יויסעפ בערמאנ, א טויב געוואָרענער פונעם אופּרײַס, האָט זיכ געטאָנ זײַנ ארבעט — איבערגעבונדנ פארוווּנדעטע אונ דערנאָכ עוואקויִרט זיי אפנ ברעג, אינ א שפּיטאָל.

דאָס אײנציקע פעדעמל, וואָס האָט פארבונדנ דעמ בלאָקירטנ לענינגראד מיטנ איבעריקנ לאנד, איז געווענ די לאדאָגער אָזערע, וועלכע די פײַנטלעכע ארטילעריע אונ אוויִאציע האָט געהאלטנ אינ אײנ פארשיטנ מיט סנאריאדנ אונ באָמבעס. דערנאָכ איז געקומענ דער הארבער ווינטער פונ 1942-1941, די אָזערע האָט זיכ געשטעלט, אונ איבער איר פארפרוירענעמ אויבערפלאכ איז דורכגעלײגט געוואָרנ די לעגענדארע אײַז-טראסע. דאָס איז געווענ דער אײנציקער וועג אפ ארויספירנ פונ לענינגראד די פארוווּנדעטע, די פרויענ אונ די קינדער אונ ברענגענ אהער אלצ, וואָס דאָס לאנד האָט געקענט געבנ אפ צו פארטײדיקנ די העלדישע שטאָט. דאָס איז געווענ אנ אומגעהײער שווערער, טויט-געפערלעכער וועג. יעדערער, וואָס האָט דאָ געארבעט, אָנגעהויבנ פונ א שאָפער אונ געענדיקט מיט א רעגולירער, איז געווענ א העלד.

פונ . דעקאבער 1941 האָט בערמאנ אָנגעהויבנ דורכמאכנ רעגולערע רײסנ איבער דער אײַז-טראסע אלס פעלדשער פונ אנ אווטאָקאָלאָנע, וואָס האָט געפירט ברענשטאָפ פאר די שיפנ פונעם רויטפאָניקנ באלטישנ פלאָט. צוויי כאדאָשימ האָט ער אָפּגעארבעט אינ דעמ דאָזיקנ געגעמ, יעדע רעגע ריזיקירנדיק מיטנ לעבנ. ער האָט איבערגעבונדנ פאר דער צײַט א היפש ביסל פארוווּנדעטע. דערנאָכ האָט מענ אימ אריבערגעפירט אפ אנ אנדער ארבעט — עוואקויִרנ די פארוווּנדעטע אינ הינטערלאנד.

קימאט א יאָר צײַט האָט ער אָפּגעארבעט אינעם באלאגערטן לעניג־גראד. בייס די קעסיידערדיקע באָמבארדירונגען פלעגט ער ארויספאָרן אפ א סאניטאר־מאשין, פלעגט אופקלײַבן און איבערבינדן די געלי־טענע, מיט איין וואָרט — געלעבט מיטן שווערן טאָגטעגלעכן לעבן פון די פארטיידיקער פון לענינגראד.

סאָף יונ 1942 האָט מען בערמאנען, אן אויסגעצערטן ביזן לעצטן גראד, אריבערגעפירט אינ דער וואָלגער קריגס־פלאָטיליע. זײַן וועג איז געלעגן דורך מאָסקווע.

דער צוג האָט געדארפט אוועק פון מאָסקווע שפּעט אינ אָוונט, באטאָג איז ער געגאנגען באגלייטן צום באן א כאווער, וואָס איז געפאָרן אפן דאָרעם־פראָנט. ווי עס פירט זיך צווישן גוטע פרײַנט, איז בערמאן ארײַנ מיט זײַן כאווער אינ וואגאָן, האָט זיך דערוואַרט ביזן צווייטן קלונג, זיך געזעגנט און זיך שוין געלאָזט צום ארויס־גאנג; גייענדיק פארבײַ אן אָפענעם קופּע, האָט ער פלוצעם דערזען א באקאנט פּאָנעם. דאָס איז געווען דער פּאָלקסקאָמיסאר, בא וועלכן זײַן ווײַב האָט פאר דער מילכאָמע געארבעט אלס סעקרעטאר.

— און מיר האָבן געמיינט, אז איר זײַט אומגעקומען, יאָסיפ אבראמאָ־וויטש! — האָט זיך יענער א וואָרף געטאָן צו בערמאנען. — אײַער ווײַב...

— זי לעבט? — האָט אויסגערופן בערמאן, — ווו איז זי? ווו איז אניעטשקע?

— ווו זי איז איצט, ווייס איך ניט... א כאדאָשים צוויי צוריק איז זי געווען אינ ווײַסרוסלאנד, בא די דײַטשן אינ הינטערלאנד, אינ א פארטיזאנישן אָטריאד, — האָט אָנגעהויבן דערציילן דער פּאָלקס־קאָמיסאר, נאָר אינ דער מינוט האָט זיך דער צוג געריר, און בער־מאן האָט געמוזט שוין אינ גאנג אראָפּשפּרינגען, ניט אויסהערנדיק ביזן סאָף. ער האָט ניט געקענט צופאָרן אפילע ביז דער נאָענטסטער סטאנציע, ווײַל ער וואָלט דעמלט פארשפּעטיקט אפ זײַן צוג. וואָס האָט ער געקענט טאָן? — מיליטערישע דיסציפּלין.

— גייט אריינ צו דעמ אונ דעמ, אפ אזא אונ אזא גאס, נומער דער אונ דער!.. — האָט פארב געזעגענענ זיכ נאָכ באוויזנ א געשריי טאָג דער פאָלקסקאָמיסאר. — יענער ווייסט, דאכט זיכ, גענויער וועגנ אייער מישפּאָכע.

בערמאנ האָט זיכ א לאָז געטאָנ לויט דעמ אדרעס. דאָרט האָט אימ אנ אומבאקאנטער מענטש מיטגעטיילט, אז אינ האָטעל „מאָסקווא" האָט זיכ אָפּגעשטעלט א פארטיזאנישער קאָמאנדיר, וואָס איז געקומענ צו פליענ פונעמ סוינעס הינטערלאנד. בא אימ אינ אָטריאד האָט זיכ טאקע געפונענ טאטיאנא גריגאָריעוונא מיט דער טאָכטער. מע מוז אָבער גייִנ צו אימ וואָס גיכער, וויילּ ער קלייבט זיכ אוועקפליענ צוריק.

אינ האָטעל האָט זיכ בערמאנ דערוווּסט, אז דער קאָמאנדיר איז מיט עטלעכע שאָ צוריק אוועקגעפלויגנ. דעמלט האָט זיכ בערמאנ ווידער א וואָרפ געטאָנ צומ ערשטנ כאווער, דורכ אימ האָט ער געפונענ א צווייטנ מענטשנ, וואָס האָט אימ דערציילט, אז זיינ ווייב האלט ביז איצט מילכאָמע אינ א פארטיזאנישנ אָטריאד אונ שלאָגט זיכ גאָר ניט שלעכט. אונ זיינ טאָכטער אניע צוזאממענ מיט איר באָבע — טאטיאנא גריגאָריעוונעס מוטער, האָט מענ אפ אנ אעראָפּלאנ ניט לאנג אריבערגעוואָרפנ איבער דער פראָנט-ליניע, אונ זיי וווינענ איצט אינ איינער פונ די קליינע בייוואָלגער שטעט.

דעמ זעלבנ טאָג האָט בערמאנ באקומענ א פירטאָגיקנ אורלויב אפ צו זענ זיכ מיט זיינע נאָענטסטע, וועלכע ער האָט שוינ געהאלטנ פאר אומגעקומענע.

אינ דער שטאָט גאָרקי האָט זיכ אימ איינגעגעבנ איינצואָרדענענ אפ איינער פונ די שפּיטאָל-שיפנ, וואָס איז געגאנגענ אראָפּ וואָלגע, צומ פראָנט. די שיפ האָט זיכ געזאָלט אָפּשטעלנ אינ יענעמ שטעטל, וווהינ ער האָט זיכ איצט אזוי געריסנ. אָבער אינ עטלעכע שאָ ארומ, ווענ די שיפ איז שוינ אָפּגעשווומענ א היפּשנ

שטיק, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אינ יענעמ שטעטל האָט זיכ אָפּגעשטעלט אנ אנדער שיפ אונ דעריבער וועט זיכ דער דאמפער, אפ וועלכנ עס האָט זיכ געפונענ בערמאנ, דאָרט ניט אָפּשטעלנ.

עס איז גרינג זיכ פאָרצושטעלנ בערמאנס פארצווייפלונג. ער האָט זיכ אָנגעהויבנ בעטנ באמ קאפּיטאנ, יענער זאָל כאָטש אפ א מינוט צוגיינ צו דער אנקער-סטאנציע. דער קאפּיטאנ וואָלט עס מיט פארגעניגנ געטאָנ, ער האָט אָבער ניט געהאט דערופ קיינ שומ רעכט.

— פּרוווט, — האָט ער געזאָגט נאָכ א לאנגער דיסקוסיע, — פּרוווט זיכ ווענדנ צומ קאָמאנדיר פונ דער שיפ. ער קאָנ מיר געבנ אזא באפעל. האגאמ גיכער פונ אַלצ וועט דערפונ גאָר ניט ארויסקומענ.

אָבער בערמאנ האָט אזוי הייס געבעטנ, אז דער קאָמאנדיר פונעמ שווימענדיקנ שפּיטאָל, דאָס איז געווענ שוינ ניט קיינ יונגע פרוי, א דאָקטער, האָט ניט געקאָנט ביישטיינ אונ באפרידיקט די ביטע פונעמ יאמ-אָפיצער, דעמ פארטיידיקער פונ לענינגראד, דעמ פאָטער, וואָס האָט געבעטנ העלפנ אימ זענ זיכ מיט דער אלפּי נעס ניצל געוואָרענער טאָכטער.

אפ די אויגנ בא איר האָבנ זיכ באוויזנ טרערנ, אונ זי האָט געזאָגט:

— גוט... אָבער נאָר אפ איינ מינוט. בא מיר אליינ זיינענ אינ קיעוו געבליבנ צוויי קינדער...

אזוי האָט זיכ בערמאנענ דאָכ איינגעגעבנ זיכ זענ מיט זיינ טעכטערל. זי האָט אימ דערציילט גענוי וועגנ דעמ, וויאזוי זי מיט דער מאמענ זיינענ אוועק צו די פארטיזאנער, ווי אלע אינ אָטריאד אכטנ די מאמע, אונ וויאזוי זי, אניעג, האָבנ אלע זייער געפעסטעט אונ ליב געהאט, אונ וויאזוי די דייטשנ האָבנ געוואָלט ארומרינגלענ זייער אָטריאד אונ פארניכטנ אימ, אונ וויאזוי בא זיי איז פונ דעמ דאָזיקנ פלאנ גאָרניט ארויסגעקומענ, אונ וויאזוי מע האָט זי אוועקגעפירט אפ אנ אעראָפּלאנ, אונ אז צו זיינ דאָ געפעלט איר גאָרניט,

ווײַל דאָ איז ניטאָ קיין מילכאָמע, און אז זי האָט גאָר קיינמאָל ניט געגלייבט, אז דער טאטע איז אומגעקומען, און אז זי איז זיכער געווען, אז וויבאלד דער טאטע איז ניט אין קיין פּארטיזאנישן אָט־ריאד, הייסט עס, אז ער איז אין דער רויטער ארמיי און האלט מילכאָמע קעגן די דײַטשן...

דער פירטאָגיקער אורלויב איז פארבײַגעפלויגן ווי א כאָלעם, און יויסעף בערמאן איז אוועקגעפאָרן אין זײַן טייל. ביז מײַ 1943 האָט ער געדינט אין דער וואָלגער קריגס־פלאָטיליע אלס קאָמאנדיר פון דער סאניטאר־באדינונג אין א דיוויזיאָן שווימענדיקע באטארייעס. פון וואָלגע האָט מען בערמאנען אריבערגעוואָרפן אין דאָרעם, און אין עטלעכע כאדאָשים ארום איז ער געווען אין אן אנדער אָרט, ווו עס האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט הייסע שלאכטן.

פון דעם מאָמענט אָן, ווי עס האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט די שלאכט־אָפּעראציעס, האָט בערמאן געארבעט אלס קאָמאנדיר פון דער סאניטאר־גרופּע. ער מיט זײַן גרופּע האָבן געדארפט זיכערן דאָס אויסלאָדן די פארוואונדעטע, וועלכע אונדזערע קאטערן האָבן געבראכט פון דעם אנטקעגנדיקן ברעג, ווו עס זײַנען געגאנגען פארביטערטע שלאכטן מיט די דײַטשן. דאָ בא דער אנקער־סטאנציע האָט ער זיי געגעבן ערשטע הילף און עוואקוירט אין הינטערלאנד.

טאָג און נאכט איז אויסגעקומען צו ארבעטן אונטער באָמבעס און סנאריאדן. באזונדערס האָבן דערקוטשעט די פײַנטלעכע שווערע מינענווארפערס. אָבער ניט געקוקט אף קיין שום באשיסונג, אף קיין שום באָמבארדירונג, האָט בערמאנס גרופּע געארבעט פּינקטלעך, ווי א זייגער, מוטיק און דרייסט.

באהאלטן זיך פון טויט איז ניט געווען ווען און ניט געווען ווו.

איינמאָל האָט זיך בערמאן יאָ געהאט באהאלטן אין א נעבעכ־דיקער באהעלטעניש, ווײַל אפן ברעג האָבן ניט אופגעהערט צו פאלן שווערע מינעס. פלוצעם זעט ער: עס לויפט איבערן פוסטן אנקער־

פלאצ א רויטפלאָטלער מיט א פארבלוטיקטנ קאָפּ אונ אנ אויסגערונענעמ אויג. ארײַנשלעפּנ דעמ פארווונדעטנ אינ באהעלטעניש איז געווענ אומעגלעכ. אינ דעמ דאָזיקנ ענגנ לאָכ איז געווענ אָרט קוימ פאר איינ מענטשנ, אי דאָס האָט ער געמוזט זיכ צונויפדרייענ אינדרײַענ. קיינ אנדערע, באקוועמערע באהעלטענישנ האָט מענ דאָ ניט געקענט אויסגראָבנ: א פערטל מעטער פונ דעמ אויבערפלאכ האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ וואסער. איז בערמאנ ארויסגעשפרונגענ אינ דרויסנ, האָט אוועקגעלייגט דעמ פארווונדעטנ אפ דער ערד, האָט אימ איבערגעבונדנ אונ האָט אימ אוועקגעזעצט אפ דער ערשטער מאשינ, וואָס איז געגאנגענ פונדאנענ אינ הינטערלאנד. אונ אינ דער זעלבער מינוט איז איבער בערמאנענ מיט א מיִעסנ קוויטש דורכגעפלויגנ א שווערע מינע אונ אפ פיצ-פיצלעכ אופגעריסנ די באהעלטעניש, פונ וועלכער ער איז נאָרוואָס ארויסגעקראָכנ.

אנ אנדער מאָל האָט זיכ א פײַנטלעכער סנאריאד אופגעריסנ אפנ אנקער-פלאצ. איינער נאָכנ צווייטנ האָבנ זיכ גענומענ רײַסנ קעסטלעכ מיט סנאריאדנ, וואָס זײַנענ געווענ צוגעגרייט אפ אריבערצווארפנ איבערנ דורכגוס. עס זײַנענ שוינ געווענ דערהארגעטע אונ פארווונדעטע. אונטער דעמ קעסיידערדיקנ פײַנטלעכנ ארטילעריע-פײַער, צווישנ די גענעמדיקע שײַטערס פונ פלאקערנדיקע קעסטלעכ מיט סנאריאדנ, האָט בערמאנ מיט זײַנע סאניטארנ ארויסגעשלעפּט פארווונדעטע, איבערגעבונדנ זיי. מיט אָפּגעסמאליעטע הענט האָבנ זיי ארײַנגעוואָרפנ אינ וואסער די ברענענדיקע קעסטלעכ מיט סנאריאדנ, וואָס יעדער אופרײַס זייערער וואָלט דאָ אָנגעמאכט גוואלדיקע כורבנעס. דערנאָכ האָבנ זיי ווידער אָנגעהויבנ ארויסשלעפנ פארווונדעטע, געבנ זיי ערשטע הילפ אונ אוועקשיקנ אינ הינטערלאנד. דאָס איז געווענ די געוויינלעכע טאָגטעגלעכע מוטיקײַט פונ סאָלדאטנ, וואָס פארשטייענ אפילע ניט זייער העלדישקײַט.

אויב איר וועט פרעגנ בא בערמאנענ אליינ, וואָס קענ ער פאר-

שרײַבן אין זײַן אקטיוו אין מעשעכ פון זײַן גאנצער ארבעט דאָ, אפן לאנדפאס, וועט ער אײַכ ענטפערן: די באָד. יאָ, א געוויינלעכ ענג בעדל מיט עמעס הייס וואסער און מיט א גענוג פעסטן איבערדעק, וואָס האָט באשיצט פון סנאריאדן. די דאָזיקע באָד האָט בערמאן אופגעבויט, כאָטש דער גרעסטער טייל האָט ניט געגלייבט, אז מע קאָן דאָ, אין רעכטן פײַער, אופבויען א באָד. נאָר מע האָט זי אופגעבויט, און זי האָט געארבעט. די מאנשאפטן פון די קליינע שיפן, וואָס האָבן אריבערגעוואָרפן אף יענעם ברעג מענטשן און שלאכט-מאטעריאלן, האָבן זיכ מיט האנאָע אײַנגעטוקט אין איר גאַניידנדיקער ווארעמקײַט. ווען זיי פלעגן ארויס פון דאָרט, פלעגן זיי מיט דאנקבארקײַט דערמאָנען יענע מענטשן, וואָס האָבן זי דאָ פון זייערטוועגן אופגעשטעלט. געוויס האָט ווײַט ניט יעדער פון זיי געוווּסט, אז דאָס האָט אופגעטאָן אָט יענער מעדטוער מיט די רויטע בעקלעכ און מיט די דרײַ שטערנדלעכ אף די שליפעס, וואָס לויפט ארום אף זייערע שיפן, ווי זיי באוויזן נאָר צוגיין צום אנקער-פלאץ. נאָר בערמאנען האָט עס ווייניק געקימערט. ער האָט זיכ געטאָן זײַנס, און אינעם קאמף קעגן דער פאשיסטישער כײַע ארײַנגעטראָגן זײַן באשיידענעם כיילעק מעסירעס-נעפעשדיקע ארבעט.

די קאָמאנדשאפט האָט הויכ אָפגעשאצט די ארבעט פונעם עלטערן לייטענאנט יויסעף בערמאן און האָט אים באלוינט מיטן אָרדען פונעם רויטן שטערן און מיט די מעדאלן „פאר פארטיידיקן לענינגראד” און „פאר פארטיידיקן קאווקאז”.

אזוי אז אי זײַן ווײַב, די געוואגטע ווײַסרוסישע פארטיזאנקע טאטיאנא גריגאָריעוונא בערמאן, אי זײַן טעכטערל אניע קאָנען שטאָלצירן מיט זייער מאן און פאָטער.

## פּיאָטער טשעסלער

פאראנ גורירָאלעס גלײַכע, ווי דער פלי פונ א פײַל, אונ פאראנ גורירָאלעס, וואָס וואָלטנ געקאָנט דינענ אלס מאטעריאל פאר א פארפלאָנטערטנ אוואנטיור-ראָמאנ. אזא איז דאָס לעבנ פונ פּיאָטער טשעסלער, דעמ באוווסטנ שווארציאמישנ קאטערנ-קאָמאנדיר, דעמ געוואגטנ יאמ-מאנ אונ שרעקלאָזנ קריגער.

איכ ווייס ניט, וואָס פאר א יידישנ נאָמענ האָבנ אימ געגעבנ זײַנע עלטערנ אפנ אכטנ טאָג פונ זײַנ לעבנ. עפּשער — פייסעכ, עפּשער פינכעס, אונ עפּשער גאָר פײַוויש. בא אונדז, אינ שווארציאמישנ פלאָט, איז ער געווענ באוווסט אלס פּיאָטער טשעסלער. א סאכ מענטשנ האָבנ אימ געקענט פאר אנ אויסגעצייכנטנ אונ דרייסטנ אָפיצער, נאָר ווייניק-ווער האָט געוווסט וועגנ זײַנ מאָדנעמ, געדרייטנ לעבנס-וועג.

ער איז אלט געווענ דרײַ יאָר, ווענ די פּעטליוראָווצעס האָבנ אינ אומאנ דערהארגעט זײַנ פאָטער. די „יערושע“, וואָס איז געבליבנ נאָכ זײַנ טאטנ דעמ באלמעלאָכע אונ דעמ גרויסנ קאפּצנ, האָט געקלעקט אפ עטלעכע טעג לעבנ פאר דער מישפּאָכע, אונ דאָס יינגל האָט זיכ אָנגעהויבנ ארומוואלגערנ אינ די גאסנ. די מוטער האָט געהאט גענוג צאָרעס אָנ אימ אויכ, זי האָט נאָכ געהאט א קינד בא דער ברוסט. דעמ קלײנעמ פּיאָטער (אזוי וועלנ מיר אימ רופנ) האָט זי מיט קיינ זאכ ניט געקאָנט העלפנ, אונ ער האָט איר

ניט פארשאפט קיין סאך זאָרג. פון פרי ביז נאכט האָט ער זיך ארומגעשלאָנדערט איבערן מארק און איבער די שטויביקע גאסן פון זיין היימשטאָט. אהיים פלעגט ער זיך אומקערן נאָר איבער־צונעכטיקן.

ער איז געווען זייער א קליינער. און דאָס האָט אים שיר ניט אומגליקלעך געמאכט. איינער א גאנעוו האָט געוואָרפן אָפּ אים אן אויג. דאָס קליינע פלינקע יינגל האָט געקענט, ניט ארויס־רופנדיק קיין שום כשאד, אים שטארק העלפן אין זיין ניט שטארק סימפּאטישער פּראָפעסיע. וואָס איז שייך דעם יינגל, איז דער ני־סאָיען פון א זאט און פרייליכער לעבן, וואָס עס האָט אים צוגעזאָגט דער גאנעוו, די נעסיעס איבער פארשיידענע שטעט, דער קאשקעט מיטן גלאנציקן דאשעק, און נאָך אזוינע גליקן — דער דאָזיקער ני־סאָיען איז געווען צו שטארק, אז ער, אן אייביק הונגעריקער און שמוציקער, זאָל אים קענען ביישטיין.

דאָס יינגל (ער איז דעמלט אלט געווען עפּשער ניין און עפּ־שער צען יאָר) איז אנטלאָפן פון דער היים און האָט זיך אוועקגע־לאָזט מיט זיין „לערער" אָפּ גאסטראָלן איבערן לאנד.

אזויווי אלץ האָט א סאָף, און יעדער גאנעוו מוז סאָפּקאָלסאָף ארייננפאלן, זיינען זיי אויך איין מאָל דורכגעפאלן, און טשעסלערן האָט ניט געהאָלפן זיין קליינער וווקס. דעם אלטן גאנעוו האָט מען ארייננגעזעצט אין טפיסע, און דאָס יינגל האָט מען אוועקגע־שיקט אין א קינדער־פארטיילער. אים איז אָבער דאָרט ניט געפעלן, איז ער אנטלאָפן. דאָס מאָל האָט ער זיך פארנומען מיט קע־שענע־גנייוועס, אָפּ אייגענע הויצאָעס, אזוי צו זאָגן. און הויצאָעס זיינען, דעם עמעס געזאָגט, געווען זייער היפּשע. וואָרעם ווער אש־טייגער קען מעקאנע זיין א גאנעוו, וואָס מע האָט אים געפּאקט בא דער האנט ערגעץ אָפּ א מארק? מע שלאָגט אים מאקעס־רעצעך, אָן א קאפּ ראכמאָנעס. און וואָס עמעס איז עמעס, דער קליינער

טשעסלער האָט אויך היפּש אַרײַנגעכאַפּט. אָבער לעבן מוז מען, און פון קיין אַנדער וועג צו פאַרדינען זיך אַף ברויט האָט ער ניט געוווּסט.

אַזוי האָט ער זיך געקײַקלט באַרג-אַראָפּ. און ס'וואָלט פון אים אַרויס אַ גאַנעוו, אַ פאַרפאַלענער מענטש, ווען ניט די סאָוועטן-מאַכט און דער טײַערער סאָוועטישער פּעדאַגאָג אַנטאָן מאַקאַרענקאָ.

צו טשעסלערן איז דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז ערגעץ אין אוקראַינע איז פאַראַן אַ קינדער-קאָמונע, וואָס פירט זיך זי זיך עפּעס גאָר אַנדערש ווי אַנדערע. דאָרט האַלט מען קײנעם ניט ביגוואַלד. געפעלט דיר ניט, איז גיי זיך געזונטערהייט. און אַפּילע אויב מע זעצט דיך פאַר עפּעס אַ כעט אַרײַן אין קאַרצער, און דו ווילסט אין אים ניט זיצן, איז ביטע זייער, טו אַ טויווע און זיץ ניט. אַז דעם קאַרצער היט דאָך כּמעט קײנער ניט. נאָר דעמלט, גוטער ברודער, זײַ מוחל און וואַרף זיך אַרויס פון דער קאָמונע, אַז עס זאָל דאָ פון דיר קיין זייכער ניט בלײַבן. און מע זאָגט, און דאָס איז טאַקע דאָס סאַמע טשיקאַווע, אַז די סאַמע פאַרביסענע „אורקעס" ווילן ניט אַוועקגיין פון דער קאָמונע, אַזוי איז דאָרט גוט און אינטערעסאַנט. דאָרט לערנט מען אויס אַן אַרבעט און מע לערנט שפּילן אַף בלאָז-אינסטרומענטן, און עס שמעקט אַפּילע ניט מיטן קינדער-פּאַרטײלער.

טשעסלער האָט באַשלאָסן זיך צו איבערצײַגן, צי איז עס אַלץ אַן אמת. מיט וואָס ריזיקירט ער? אין ערגסטן פאַל, מאַכט ער פון דאָרט פּלײטע. ער האָט געפונען די קאָמונע, האָט זיך איבער-צײַגט, איז געבליבן און איז געוואָרן אַ מענטש. וועגן דעם, ווי־אַזוי ער און פיל אַנדערע הונדערטער מינדעריעריקע פאַרברעכער זײַנען אין דער דאָזיקער קאָמונע געוואָרן באַוווסטזיניקע, פולווערטיקע סאָוועטישע בירגער, וועל איך אײַך דאָ ניט דערציילן. ווער עס האָט נאָך ניט געלייענט, זאָל קריגן און איבערלייענען דעם אויסגע-צייכנטן, ווונדערבאַרן בוך, וואָס הייסט „פּעדאַגאָגישע פּאָעמע". אים

האָט אָנגעשריבנ אײנער פונ די גרעסטע פעדאַגאָגנ פונ אונדזער צײַט אַנטאָנ מאַקאַרענקאָ, דער שעפער אונ אָנפירער פונ דער דאָזיקער קאָמונע.

אינ דער קאָמונע האָט טשעסלער געענדיקט א זיבניאָריקע שול, באַקומענ א ספעציאַליטעט אונ האָט זיך אויסגעלערנט שפילנ אפ א וואַלטאָרנע. ער האָט אָנגעהויבנ א סאַך לײענענ אונ עס האָט אים פאַרכאַפט די יאַם-ראָמאַנטיק. ער האָט זיך אָנגעהויבנ בעטנ, מע זאָל אים שיקנ אפ יאַם-דינסט. מאַקאַרענקאָ האָט אים געהאָלפנ אײַנאָרדענענ זיך פאַר א דערצויגלינג אפ א שיפ פונ שוואַרציאַמישנ פלאָט. ער איז געוואָרנ דער האָרניסט פונ דער שיפ.

אָפגעדינט עטלעכע יאָר אַלס האָרניסט, איז טשעסלער זיך אַוועק לערנענ אפ קאָמאַנדירנ-קורסנ. דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבנ ערשט נאָך א סאַך צאָרעס אונ לויפעניש. דאָס צווייטע מאָל אינ לעבנ האָט זיך אים געשטעלט אינ וועג דער קלײנער וווקס זײַנער. צו דרײַ אונ צוואַנציק יאָר, ווענ איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט צום ערשטנ מאָל, איז ער געווענ עפשער ניט העכער פונ א ייִנגל פונ א יאָר עלף—צוועלף. מײַנ פרײַנט, דער קאַפיטאַנ קאַפיצאַ, האָט זיך אויסגעדריקט וועגנ אים זײער בילדעריש. ער האָט געזאָגט: ווענ עס גייט זיך אײַנ דעם גאַנצנ פלאָט אויסשטעלנ אינ אײנ שערענגע, וואָלט טשעסלער געווענ דער סאַמע ערשטער אפנ לינקנ פלאַנג.

ער איז געווענ אנ אויסגעצײכנטער ספאָרטסמענ, דער פלאָט-טשעמפיאָנ אינ הײבנ שטאַנגעס (פונ לײַכטסטנ געוויכט). אונ דעריקער, ער האָט זײער ליב געהאַט דעם פלאָט אונ איז געווענ א גוטער יאַם-מאַנ. די קאָמאַנדשאַפט האָט אויסגעפילט זײַנ ביטע אונ האָט קײנ טאָעס אינ אים ניט געהאַט.

ווענ די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבנ, איז פיאָטער טשעסלער געווענ א קאָמאַנדיר פונ א קאַטער א יעגער. די דאָזיקע קלײנע, שנעלע אונ גוט באַוואָפנטע שיפנ זײַנענ פאַר דער מילכאָמע, ווי

עס באוויזט שוינ גופע זייער נאָמענ, פּראָיעקטירט געוואָרנ אלס מיטל פונ קאמפּ קעגנ די פּײַנטלעכע אונטערוואסער-שיפנ. די מילכאָמע אָבער האָט אויכ אינ דער פראגע, ווי אינ פיל אנדערע, ארײַנגעטראָגנ אירע קאָרעקטיוונ. די יעגער-קאטערס האָבנ געקעמפט קעגנ אונטערוואסער-שיפנ און קאָנוואָירט טראנספּאָרטנ, אָפּגעשלאָגנ לופט-אטאקעס און ארויסגעזעצט דעסאנטנ.

אָט מיט דעמ אלעמ איז פונ די ערשטע טעג מילכאָמע אויסגעקומענ זיכ צו פארנעמענ אויכ טשעסלערנ. ער איז געווענ א זעלטענער און א קורצווײַליקער גאסט אפ דער יאבאָשע, אינ דער היימ האָט ער זיכ געפילט נאָר אפנ יאמ. ער פלעגט קומענ קאָמפּלעקטירנ דעמ שלאכט-רעזערוו, נעמענ ברענשטאָפ און דערנערונג און ווידער אוועק אינ יאמ ארײַנ. אזוי זײַנענ אוועק טעג, וואָכנ, לאנגע כאדאָשימ אינ אומדערמידלעכנ קאמפּ קעגנ דער סטיכיע און קעגנ דעמ כיטרענ און שטארקנ סוינע. ער האָט פארמאָגט מוטיקײַט, געוואגטקײַט און א באזונדערע פעיקײַט פאָרויסצוזענ דעמ סוינעס פּלענער און מאָמענטאל אָנעמענ דעמ ריכטיקנ באשלוס — א פעיקײַט, וואָס איז א מוז-זאכ פאר יעדנ עמעסנ יאמ-קאָמאנדיר, און שוינ אוועדע פאר א קאָמאנדיר פונ א קאָנוואָי-שיפ.

איינמאָל האָט ער קאָנוואָירט א טראנספּאָרט מיט מיליטער. פּלוצעמ, ווענ דער טראנספּאָרט איז געשווומענ ניט ווײַט פונ פּײַנטלעכנ ברעג, האָבנ שווערע דײַטשישע באטארייעס אָנגעהויבנ אימ באשיסנ. טשעסלער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אהינ, ווו עס האָבנ זיכ קעסיידער געריסנ דײַטשישע סנאריאדנ, אופהײבנדיק קאָלאָסאלע וואסער-זײַלנ, ער האָט אָנגעצונדנ רויכ-סנאריאדנ און האָט אָנגעהויבנ ארומשווימענ צווישנ דעמ טראנספּאָרט און דעמ ברעג, ביז עס האָט זיכ געבילדעט א דורכויסיקע רויכ-וואנט, און דער סוינע האָט ענדגילטיק פארלאָרנ זײַנ ציל. דער טראנספּאָרט איז געקומענ אינ פּאָרט אָנ שומ פארלוסטנ.

א צווייט מאָל האָט טשעסלער באגלייט א גרויסנ טראנספאָרט, וואָס האָט עוואקויִרט פונ אָדעס העכער פינפ טויזנט פרויענ מיט קינדער. פלוצעם זײַנענ פונ הינטער די וואָלקנס ארויסגעשפרונגענ דרײַ „יונקערסנ“ אונ האָבנ גענומענ א קורס אפנ שוצלאָזנ טראנספאָרט. זיי זײַנענ געפלויגנ נידעריק, זיכער אינ זייער אבסאָלוטער אומבאשטראָפטקײַט. מעגלעכ, אז זיי האָבנ פונ אָנהייב אפילע ניט באמערקט טשעסלערס קאטער. אונ מעגלעכ, אז די פאשיסטישע פליִער האָבנ ניט געהאלטנ פאר נייטיק אפ אימ זיכ ארומקוקנ. טשעסלער האָט אָבער אינ עטלעכע מינוט זיי געצווונגענ צו פארגעסנ אָנ זייער גײַווע, מיט אינטענסיוונ אונ זייער טרעפלעכנ זעניט-פײַער האָט ער געצווונגענ די „יונקערס“ אופהייבנ זיכ אינ דער הייכ אונ אראָפווארפנ די באָמבעס, ניט אריבערגייענדיק אינ פיקירונג.

זיי זײַנענ אוועקגעפלויגנ, אונ גלײַכ איז געקומענ א נײַער רינג פיקירער. איינ רינג פלעגט אוועקפליִענ, אונ דער צווייטער פלעגט קומענ. זייער גאנצער כעזשבנ איז געווענ צוגיינ צומ טראנספאָרט פונ דער זײַט, ווו עס וועט ניט זײַנ דער אײַנגעגעסענער קאטער. טשעסלער אָבער פלעגט מאָמענטאל טרעפנ, פונוואנענ עס דראָעט די געפאר אונ פלעגט זיכ שרעקלאָז ווארפנ אנטקעגנ דעמ לופט-פיראט, צווינגענדיק אימ מיטנ פײַער פונ זײַנע הארמאטנ אונ קוילנווארפערס ענדערנ דעמ קורס. סנאריאדנ אונ פאטראָנעס האָט ער געהאט ניט קיינ סאכ אונ האָט געשאָסנ זייער שפאָרזאמ, אָבער דערפאר אזוי טרעפלעכ, אז די דײַטשישע פליִער פלעגנ פארלירנ די קאלטבלוטיקײַט אונ פלעגנ אראָפווארפנ די באָמבעס ווײַט פונעמ טראנספאָרט. עמעס, א סאכ באָמבעס זײַנענ אראָפגעפאלנ גאָר נאָענט לעבנ קאטער. טשעסלער האָט אָבער וועגנ דעמ ווייניקער פונ אלצ געטראכט. ער האָט געשטעלט פאר זיכ אנ אופגאבע — ניט געבנ די דײַטשנ קיינ מעגלעכקײַט צו פיקירנ אפנ טראנספאָרט, אונ זײַנס האָט ער אויסגעפירט. אײַ וואָס די באָמבעס, וואָס זײַנענ געווענ באשטימט פארנ



קאטערן-קאָמאנדיר פּיאָטער טשעסלער

טראַנספּאָרט, פאלנ אפ אימ, איז מײלע, טשעסלער האָט אויסגערעכנט אפ דער מאַנעווריר-פעיִקײַט און מיניִאַטיורקײַט פונ זײַנ שיפ. און ער איז געווענ גערעכט. אלצ האָט זיכ געענדיקט בעשאָלעמ. צוויי „יונקערסנ" האָבנ זיכ אָנגעכאַפּט און זײַנען, ברענענדיקע, אוועקגע-פלויגנ, דער דריטער איז ארײַנגעפאלנ אינ יאַמ. די איבעריקע האָבנ געפּאַטערט זײערע באָמבעס אומזיסט און האָבנ זיכ מיט גאָרניט אומגעקערט אפ זײער באַזע. זײער מעגלעכ, אז זײ האָבנ דערבײַ ראַפּאָרטירט זײער קאָמאַנדשאַפט, אז דעמ טראַנספּאָרט האָבנ זײ דערטרונקענ, ווײַל אפנ ווײַטערדיקנ וועג איז שוינ מער קײנער אפ אימ ניט אָנגעפלויגנ.

עס איז געוואַקסנ טשעסלערס דערפאַרונג און זײַנ שעמ צווישנ די שוואַרציאַמישע יאַמלײַט. מע האָט אימ אָפט אונטער די אויגנ גערופנ „קלײנער". אינ דעמ וואָרט איז אָבער ניט געווענ קײנ שומ כויזעק אָדער גרינגשעצונג, אינ אימ האָט זיכ קאָנצענטרירט די גאַנצע גרויסע און אופריכטיקע אנציקונג, אכטונג און סימפּאַטיע, וועלכע עס האָט ארויסגערופנ דער דאָזיקער קלײנינקער, נאָר שרעק-לאָזער און זײער קוואַליפיצירטער יאַמ-אָפיצער מיטנ ליבנ, נאָכ קימאַט ייִנגלשנ פּאָנעמ, וואָס ווערט יעדע רעגע באַלויכטנ מיט אזא וואַרע-מענ, האַרציקנ שמײכל.

אײנער פונ די לעצטע איז טשעסלער אוועק אפ זײַנ קאַטער פונ אָדעס. קימאַט ביז די לעצטע טעג פונ דער פאַרטײדיקונג פונ סעוואַסטאָפּאָל האָט ער אינ די שווערסטע באַדינגונגענ פונ ביטערער בלאָקאַדע קאָנוואָירט די שיפנ, וואָס האָבנ באַזאָרגט דעמ העלדישנ סעוואַסטאָפּאָל מיט אלדעמ נײטיקנ צו שטעלנ א ווידערשטאַנד דעמ סוינע. שוינ באַמ סאָפ פונ דעמ דריטנ, דעמ לעצטנ שטורעמ איז טשעסלער שווער פאַרווונדעט געוואָרנ, ער איז אָבער ניט אוועק פונ זײַנ פּאָסטנ און האָט אָנגעפירט מיט זײַנ שיפ, ביז ער האָט זי בעשאָלעמ ניט געבראַכט צו אונדזערע ברעגנ.

בא א דרײַ כאדאָשים איז ער אָפּגעלעגנ אינ שפּיטאָל, אונ דערנאָכ האָט זיכ ווידער אָנגעהויבנ זײַנ שלאכט-לעבנ, פול מיט העלדנטאטנ אונ געפארנ. איצט האָט שוינ טשעסלער אָנגעפירט מיט א רינג יעגער-קאטערס.

נײַעמ רומ האָט ער פארדינט אינ די שלאכטנ פאר באפרײַענ קאווקאזער ברעגלאנד. ער האָט דורכגעפירט זײַנע שיפנ דורכנ דורכויסיקנ פײַער-פאָרהאנג אונ האָט זיי געבראכט צו די פאָרשטעט פונ נאָוואָראָסײסק, ווו עס זײַנענ געזעסנ די דײַטשנ. פינקטלעכ אינעמ באשטימטנ טערמינ אונ פינקטלעכ אינעמ באשטימטנ אָרט האָט ער אינ דער נאכט אָפנ 4-טנ פעווראל 1943 ארויסגעזעצט קוניקאָווס אָטריאד. ער האָט ארויסגעזעצט דעסאנטנ ·אויכ אָפנ ברעג פונ טא-מאנער האלב-אינדזל, אונ האָט פאר דער דאָזיקער אָפּעראציע באקו-מענ דעמ צווייטנ אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ. דעמ ערשטנ אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ האָט ער באקומענ פאר די אָדעסער קאָנוואָיענ.

דעמ דריטנ אָרדענ האָט ער שוינ באקומענ פאר זײַנ אָנטייל אינ די שלאכטנ פאר באפרײַענ קרימ. פונעמ טאמאנער ברעג האָט ער אריבערגעוואָרפנ דורכנ קערטשער דורכגוס דעסאנט-טיילנ. דײַ-טשישע סנאריאדנ, מינעס אונ באָמבעס האָבנ זיכ געשאָטנ אָפ זײַנע שיפנ אָפ זייער גאנצנ וועג. אָבער ניט דער פײַנטלעכער פײַער, ניט די ביטערע הארבסטיקע אונ ווינטערדיקע שטורעמס, ניט די מינעס, וואָס האָבנ געלויערט אונטער די כוואליעס פונעמ דורכגוס, האָבנ ניט געקענט אָפּשטעלנ טשעסלערס העלדישע קאטערס.

איינמאָל באנאכט זײַנענ זיבנ דײַטשישע טאָרפּעדנ-קאטערס אָנגעפאלנ אָפנ קאטער, אָפ וועלכנ עס האָט זיכ געפונענ פּיאָטער טשעסלער. זיי האָבנ געהאט א קאָלאָסאלע איבערוואָג ניט נאָר אינ צאָל, נאָר אויכ אינ שנעלקייט אונ באוואָפענונג. זיי האָבנ געוואָלט צוקוועטשנ טשעסלערס שיפ צו דעמ ברעג, וואָס איז געווענ פארנו-מענ דורכ די דײַטשנ, אונ פארניכטנ אימ. טשעסלערס לאגע איז

אינ טאָכ גענומענ געווענ האָפּענונגסלאָז. ווייניק-ווער האָט געקאָנט ארויס פונ אזא ארומרינגלונג. אונ טשעסלער האָט זײַנ שיפּ ארויסגעפירט. דאָס איז געווענ א מאנעווער, וואָס איז געווענ אינ דער זעלבער צײַט אי שארפזיניק אי פארצווייפלט. נאָר א גוואלדיק געניטער אונ דרייסטער קאָמאנדיר האָט זיכ געקענט פארגינענ אזוינס. טשעסלער האָט דער ערשטער אָנגעהויבנ שיסנ אונ האָט געלאָזט זײַנ קאטער אינ פולנ גאנג גלײַכ אפ דעמ קעגנערס שיפנ, וואָס זײַנענ געגאנגענ אפ אימ אינ א צעוויקלטער ריי. ער האָט איבערגעשניטנ די דאָזיקע ריי אינמיטנ אונ איז דורכגעשפרונגענ. די דײַטשנ האָבנ אינ דער פינצטער ניט פארשטאנענ, וואָס דאָ איז פארלאָפנ, אונ האָבנ אָנגעהויבנ באשיסנ איינע די אנדערע פונ זייערע הארמאטנ אונ קוילנווארפערס.

פיאָטער טשעסלערס קאטער האָט זיכ אומגעקערט אינ זײַנ באזע א גאנצער. די פענעמער אָבער פונ זײַנ מאנשאפט זײַנענ געווענ טרויעריק אונ פארצאָרנט. זיי האָבנ געבראכט מיט זיכ בלויז דעמ טויטנ קערפער פונ זייער געליבטנ יונגנ קאָמאנדיר. ער איז געפאלנ ווי א קריגער, אינ זיגרײַכנ קאמפ, אפנ בריקל פונ זײַנ שיפ. א שפליטער פונ א דײַטשישנ סנאריאד האָט דורכגעהאקט דעמ אָרדענ, וואָס איז געווענ צוגעפעסטיקט בא אימ אפ דער ברוסט, אונ איז ארײַנ אינ הארצנ.

פיאָטער טשעסלער איז שוינ מער ניטאָ אינ דער טרײַער שלאכט-מישפּאָכע שווארציאמישע קריגער. אָבער זײַנע שלאכט-פרײַנט דערמאָנענ ביז הײַנטיקנ טאָג אונ וועלנ קיינמאָל ניט אויפהערנ צו דערמאָנענ צומ גוטנ זייער טײַערנ כאווער.

# דער סאַפּיאָר מאַטוויי ווערכאָלאַז

„ווערכאָלאַזי" (הויכקריכער) — אַזוי האָבן געהייסן אין רוסלאַנד מענטשן פֿון זייער אַ זעלטענער און געפֿערלעכער פּראָפֿעסיע. פֿון קדמונים אָן האָט מען געבויט גלאָקן-טורעמס, פֿעסטונגען, דערנאָך זײַנען אין אַלע ווינקעלעך פֿון אונדזער היימלאַנד אויסגעוואַקסן טויזנטער הויכע פֿאַבריק-קוימענס. אַז מע טוט אַ קוק אַף זיי פֿון אונטן, פֿאַרדרייט זיך אַוש דער קאָפּ. געבויט האָבן זיי מענטשן דרייסטע, געשולטע, דערפֿאַרענע — מײַסטערס — „ווערכאָלאַזי". דאָס זײַנען געווען די זעלבע דאַך-דעקער, מויערער און שטוקאַטורן. אָבער אַף דער הייך פֿון עטלעכע צענדליק מעטער, אַף אַ שטעכן מיט אַ דיאַמעטער פֿון צוויי מעטער, איין מעטער, און אַז עס מאַכט זיך — אויך פֿון אַ האַלבן מעטער — זײַנען די דאָזיקע פֿרידלעכע און רויִקע מעלאָכעס מיטאַמאָל געוואָרן גוואַלדיק ריזיקאַליש, פֿול מיט טויט-געפֿאַר.

פֿאַראַן עפּעס אַן אינערלעכער טיפֿער זין אין דעם, וואָס דער ייִנגערער לייטענאַנט מאַטוויי בענציאָנאָוויטש ווערכאָלאַז, לויט דער פּראָפֿעסיע אַן אַגראָנאָם, אַ געוועזענער קאָלווירטניק, אַ זון פֿון אַן אַלטן ייִדישן קאָלאָניסט פֿון ניקאָלײַעוושטשינע, טראָגט אַ פֿאַמיליע, וואָס דערמאָנט אָן טאָגטעגלעכער שטילער מוטיקייט און געוואַגטקייט.

קיין טורעמס האָט ער, נאַטירלעך, קיינמאָל ניט געבויט. נאָר די באַלוינונג, וואָס ער האָט באַקומען אין די שלאַכטן פֿאַר באַפֿרײַען קאַווקאַז — דער אָרדען פֿון דער רויטער פֿאָן — איז פֿאַרבונדן מיט אַ טורעם, מיט איינעם פֿון די טורעמס פֿונעם נאָוואָראָסיִיסקער עלעוואַטאָר.

דאָס איז געווענ זײַנ צווייטער אָרדענ און די פּערטע רעגירונגס-באַלױנונג. און איידער איכ טרעט צו צו דערציילנ וועגנ זײַנ אָנטייל אינעמ שטורעמענ און באַפרײַענ נאָוואָראָסיסק, וויל איכ כאָטש אינ עטלעכע ווערטער איבערגעבנ די געשיכטע פונ זײַנע פריִערדיקע באַלױנונגענ.

אינ 1933 האָט דער קאָלווירט געשיקט מאַטווײ ווערכאָלאַזנ זיכ לערנענ אינ א לאַנדווירטשאַפטלעכנ טעכניקומ. אינ פיר יאָר ארומ איז דער יונגער קאָלווירטניק געוואָרנ אנ אגראָנאָמ, דערנאָכ איז ער גערופנ געוואָרנ אינ דער ארמיי. מע האָט אימ געשיקט אינ שוואַרצ-יאמישנ פלאָט. ער איז געוואָרנ א סאַפּיאָר.

אינ מעשעכ פונ דער גאַנצער פאַרטיידיקונג פונ אָדעס איז ער דאָרט געווענ א קאָמאַנדיר פונ א גרופּע מיניאָרנ. ער האָט מינירט ארטילעריע-פּאָזיציעס אינ די ערטער, וווּ מע האָט זיכ גערעכנט ריכטנ אפ א פײַנטלעכנ דעסאַנט, ער האָט געבויט באַריקאַדנ אפ די פראָנט-וועגנ און אפ די גאַסנ פונ דער באַלאַגערטער שטאָט. דערנאָכ, ווענ עס איז אָנגעקומענ דער באַפעל צו עוואַקוירנ אָדעס, האָט ווערכאָלאַז אופגעריסנ מיליטערישע אָביעקטנ. ער מיט זײַנ קאָמאַנדע זײַנענ אוועק צווישנ די לעצטע. פארנ אוועקגיינ האָבנ זיי אופגעריסנ דעמ מאָל.

אינ אָט די ערשטע כאָדאָשימ פונ זײַנ אָנטייל אינ דער מילכאָמע האָט ווערכאָלאַז פארדינט די מעדאַלנ „פאַר שלאַכט-פארדינסטנ” און „פאַר פאַרטיידיקנ אָדעס”.

דערנאָכ האָט ער אָנגעפירט אינ טואַפּסע מיט א ספּעציעלנ סאַפּיאָרנ-וזוואָד. אונטערנ דונער פונ באָמבע-אופרײַסנ האָט ער געבויט מיט זײַנע סאַפּיאָרנ קאָנטראַנדע-פונקטנ, רעמאָנטירט רויִנירטע און געבויט נײַע אנקער-פּלעצער, מינירט געוויסע ערטער, ווײַל די דײַטשנ זײַנענ שוינ געווענ גאָר נאָענט פונ טואַפּסע, און מע האָט גערעכנט יעדער רעגע זיכ ריכטנ אפ אומגעריכטע סורפּריזנ.

אינ פעברואַל 1943 האָט ער זיכ צוזאַמענ מיט אונדזער דעסאַנט ארויסגעזעצט אינ סטאַניטשקאַ, אינ הינטערלאַנד באַמ סוינע, וואָס

איז געזעסנ אינ נאָוואָראָסיִיסק. טאָג אונ נאכט, אינ פײַער אונ בראנד פונ דער פײַנטלעכער קאנאָנאדע, האָט ער דעמינירט די דײַטשישע מינענ-פעלדער, געבויט אנקער-פלעצער. דאָס האָט ער אופגעבויט די בארימטע הענג-בריק פונ ברעג צו דער האלב-פארטרונקענער שיפ, די בריק, וועגנ וועלכער עס דערציילנ מיט שטאָלצ אלע, וואָס זײַנענ געוועזנ אפ דער „קליינער ערד”.

פאר דער דאָזיקער אָפעראציע איז דער ייִנגערער לייטענאנט ווערכאָלאז באלוינט געוואָרנ מיטנ אָרדענ פונ דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

שפעט באנאכט סענטיאבער 1943 האָט א באטאליאָנ פונ יאמ-אינפאנטעריע אונטער דער קאָמאנדע פונעמ קאפיטאנ-לייטענאנט וואסילי באָטיליאָוו זיכ ארויסגעזעצט אפ די פארמיגירטע, מיט ארטילעריע אונ קוילנווארפערס באוואָפנטע אנקער-פלעצער פונ נאָוואָראָסיִיסקער פאָרט. צוזאמענ מיט אָט דעמ באטאליאָנ האָט זיכ איינער פונ די ערשטע ארויסגעזעצט מאטרויי ווערכאָלאז מיט זײַנע סאפיאָרנ.

די קאָמאנדשאפט האָט געשטעלט פאר אימ אנ אופגאבע: בא דער ערשטער מעגלעכקײַט צוטרעטנ צומ דעמינירנ די דײַטשישע מינענ-פעלדער. ביז דער דאָזיקער „ערשטער מעגלעכקײַט” איז נאָכ אָבער געווענ ווײַט. מע האָט פריִער געדארפט אָפשלאָגנ בא די דײַטשנ די שטאָט. גענומענ אפ זיכ די אָנפירונג מיט א צוויי צענדליק שלאכטלײַט, וואָס האָבנ אינ ברעגנ פונ דער נאכט-שלאכט פארלאָרנ זייערע טיילנ, האָט ווערכאָלאז אוועקגעפירט זיי אינ שלאכט. ער איז דורכ מיט זיי עטלעכע קילאָמעטער, האָט זיכ דורכגעשלאָגנ צומ וואָקזאל. עטוואָס רעכטער פונעמ וואגאָנרעמאָנט-זאוואָד האָט ער פארנומענ א פארטיידיקונג-ליניע אונ האָט דערנאָכ מיט דעמ הײַפל רויט-פלאָטלער א גאנצנ טאָג זיכ געשלאָגנ קעגנ דעמ אָנגרײַפנדיקנ סוינע. צוויי מאָל זײַנענ די דײַטשנ געגאנגענ אפ זיי מיט טאנקענ. נאָר זעקס פאשיסטישע טאנקענ האָבנ קיינ זאכ ניט געקענט אופטאָנ מיט דער גרופע סאָוועטישע פאטריאָטנ.

אינ אָוונט האָט ווערכאָלאז מיט זײַנע מענטשנ געשטורעמט אונ אײַנגענומענ די גרויסע געמויערטע געבײַדע פונעמ אײַזנבאנער-קלוב, אונ קעדיי צו פארבעסערנ די פארטיידיקונגס-ליניע, האָט ער נאָכ באנאכט געשטורעמט דאָס שכייניש הויז אונ האָט עס געהאלטנ ביז מאָרגנ אינ אָוונט.

פונדאנענ האָט מענ געקענט באשיסנ דעמ וועג פונ נאָוואָראָסייסק קיינ אנאפע. ניט ווייניקער פונ א פיר צענדליק פריצנ האָט פארניכטעט ווערכאָלאזס גרופע דורכ די פענצטער פונ ביידע געבײַדעס, צעקלאפט צוויי מאשינעס מיט שלאכט-מאטעריאלנ, א פור מיט פראָדוקטנ. די פראָדוקטנ זײַנענ שטארק צוניצ געקומענ. מע האָט שוינ דעמ צווייטנ מעסלעס אינ מויל ניט געהאט.

לאנג האָבנ די פאשיסטנ גאָרניט געקענט אופטאָנ מיט זיי. דעמ 12-טנ סענטיאבער אינ אָוונט, אפנ דריטנ טאָג, האָבנ די דײַטשנ ווידער זיכ געלאָזט אינ שטורעמ קעגנ דעמ קלוב אונ קעגנ דעמ גאנצנ פארטיידיקונגס-קנופ. איצט האָט שוינ ווערכאָלאזס גרופע פארמאָגט סאכאקל אָנדערהאלבנ צענדליק שלאכטלײַט, וואָס האָבנ נאָכ קוימ מיט צאָרעס געקאָנט האלטנ א ביקס אינ האנט. אָבער אויכ מיט אָט די קרעפטנ האָט ער אָפגעשלאָגנ צוויי אטאקעס פונ די פאשיסטנ. דעמלט האָבנ די דײַטשנ, ווילד אונ צערייצט פונעמ דורכפאל, געלאָזט אינ גאנג פינפ טאנקענ אונ מאָטאָ-ארטילעריע. זיי האָבנ געשאָסנ פונ א נאָענטער דיסטאנצ. זייערע סנאריאדנ האָבנ דורכגעהאקט די ווענט אונ זיכ אופגעריסנ אינווייניק אינ די געבײַדעס. עס האָט שוינ מער ניט געהאט קיינ זינ דאָ צו בלײַבנ. ווערכאָלאז איז אריבער אינ די שכיינעסדיקע געבײַדעס, אונ פונ דאָרטנ, לויטנ באפעל פונעמ קאָמאנדיר פונ דער אווטאָמאטלער-ראָטע קאפיטאנ-לייטענאנט רײַקונאָוו, איז ער אריבער אינ עלעוואטאָר. דאָ האָט ער גענומענ אפ זיכ די קאָמאָנדע איבער איינעמ פונ די דרײַ טורעמס, וואָס די קוניקאָווצעס האָבנ געהאט פארנומענ. איכ ווייס ניט, אונ-

טער א וואָסער נומער דער טורעמ איז געגאנגענ בא דער עלעוואטאָר-אדמיניסטראציע, בא די קוניקאָווצעס האָט ער געהייסנ נומער צוויי. מיטנ ערשטנ האָט אָנגעפירט דער קאפּיטאנ-לייטענאנט רייקונאָוו, מיטנ דריטנ — דער יינגערער לייטענאנט שטשערבאקאָוו.

זיצנדיק אינ די דריי טורעמס, האָבנ די קוניקאָווצעס באשאָסנ דעמ ראיאָנ פונ וואָקזאל, דעמ אנאפּער וועג אונ אָפּגעצויגנ אפ זיכ גרויסע קרעפטנ פונעמ סוינע, וואָס האָט ניט אופגעהערט טאָג אונ נאכט פּארביסנ צו אטאקירנ די העלדישע פּארטיידיקער פונעמ עלעוואטאָר. אזוי האָט געדויערט ביזנ 16 סענטיאבער אינדערפרי.

וואָס צו עסנ איז ניט געווענ. וואסער האָט מענ געשעפּט פונ דער פּאָדלאָגע אינ די קעלערס פונעמ עלעוואטאָר. דאָס וואסער איז געווענ שווארצ, פארדומפּנ אונ באדעקט מיט מאזוט. אונ די דייטשנ האָבנ ווידער אונ ווידעראמאָל געוואָרפנ אפ די דריי טורעמס זייערע טאנקענ אונ מאָטאָ-הארמאטנ, אויכ די שווערע דייטשישע ארטילעריע האָט באשאָסנ די טורעמס. די דייטשנ האָבנ ארויסגעלאָזנ אינ די העלדישע שווארציאמלער א שלאל סנאריאדנ, נאָר ס'האָט גאָרניט געהאָלפנ. אפנ אָרט פונ די דערהארגעטע אונ פארווונדעטע האָבנ זיכ בא די שפּאלטנ אונ אמבראזורעס געשטעלט זייערע כאווערימ, אונ די דייטשישע אטאקעס זיינענ ווידער אָפּגעשלאָגנ געוואָרנ.

אינעמ צווייטנ טורעמ, פונקט ווי אינ די איבעריקע, זיינענ שוינ די מענטשנ געבליבנ אָנ קויכעס פונ הונגער אונ קעסיידערדיקע שלאכטנ. אייניקע האָבנ זיכ שוינ ניט געקענט האלטנ אפ די פיס. זיי האָבנ אָבער ניט אופגעהערט מוטיק אונ אקשאָנעסדיק טאָנ זייער העלדישע ארבעט. צו דער צייט אונ אָנ איבעררייסנ פלעגנ זיכ בייטנ די וואכטעס אפ די פּאָסטנס. אונ די, וואָס האָבנ שוינ קיינ קויעכ ניט געהאט זיכ האלטנ אפ די פיס, זיינענ ארופגעקראָכנ איבער די פארוואלגערטע טרעפּלעכ אפ אלע פיר.

אינ אזוינע אומגעהייער שווערע באדינגונגענ הענגט זייער א

סאכ אָפּ פונעמ קאָמאנדיר, פונ זײַנ אויסגעהאלטנקײַט, פּעסטקײַט אונ גלויבנ אינ זיג. מאטווײ ווערכאָלאזס יעדער באפעל, זײַנ יעדער גאנג אונ יעדע רעפליק האָט געמונטערט דעמ קלײנעמ גארניזאָנ פונעמ טורעמ. דער קלײנער, שווארצ-אויגיקער, דארינקער קאָמאנדיר זײער-ער איז פאר זײ אינ אָט די שווערע אונ העראָישע טעג געווענ א לעבעדיקער אונ איבערצײַגנדיקער בײַשפּיל דערפונ, ווי עס דארפ זיכ שלאָגנ קעגנ סוינע אנ עכטער שווארציאמישער קריגער, ווי מע דארפ זיכ האלטנ אינ מינוטנ פונ טויט-געפאר, קעדײ אויסצושטײנ ביזנ סאָפ אונ זיגנ.

דעמ זעכצנטנ סענטיאבער אינדערפרי איז נאָוואָראָסיײסק ענדגיל-טיק באפרײַט געוואָרנ פונ די פײַנטלעכע כאיאָלעס. פאר די קוניקאָוו-צעס זײַנענ געקומענ טעג פונ פארדינטנ אָפּרו. נאָר פארנ סאפּיאָר, דעמ ייִנגערנ לײטענאנט מאטווײ ווערכאָלאז אונ פאר זײַנע לעבנ געבליבענע שלאכטלײַט האָט זיכ ערשט איצט אָנגעהויבנ די סאמע הײסע ארבעטס-צײַט. מע האָט געדארפט אָפּרײניקנ די שטאָט פונ די פאשיסטישע מינעס, אופרײַס-מאשינעס אונ פונ קאָלערלײ אנ-דערע „סורפּריזנ". ער האָט פעסט געדריקט די הענט זײַנע שלאכט-פרײַנט, מיט וועלכע עס האָבנ אימ אפּנ גאנצנ לעבנ פארבונדנ די זעקס מעסלעס העלדישע שלאכטנ, אונ האָט זיכ אוועקגעלאָזט אויס-שפּירנ די דײַטשישע מינענ-פעלדער.

דעמ זעלבנ טאָג איז אימ, עמעס, נאָכאמאָל אויסגעקומענ צו בא-געגענענ זיכ מיט זײַנע פרײַנט די קוניקאָווצעס. עס איז געקומענ צו פאָרנ דער קאָמאנדיר פונ פלאָט, קעדײ אפּנ אָרט, ווו עס האָט ערשט ניט לאנג געפלאקערט די שלאכט, איבערגעבנ די באלוינונגענ די העלדישע שלאכטלײַט פונ קוניקאָווס באטאליאָנ. דעמ ייִנגערנ לײטע-נאנט מאטווײ ווערכאָלאז האָט ער אונטער א דונער פונ אפּלאָדיס-מענטנ געגעבנ דעמ אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ.

# דער העלדישער רעפּאָרטיאָר אלעקסאנדער כאמאדאנ

זײַנ עמעסע פאמיליע איז געוועזנ פיינגער. נאָר אפילע מיר, זײַנע נאָענטע פרײַנט, האָבנ אים געקענט אונטער דער פאמיליע כאמאדאנ. אלעקסאנדער מאָיסייעוויטש כאמאדאנ. מיט אָט דער פאמיליע האָט ער אונטערגעשריבנ געוויינלעכ זײַנע ארטיקלענ אינ „פראוודא". ער איז געוועזנ א גרויסער ספּעציאליסט אינ געביט פונ ווײַטנ מיזרעכ, אונ זײַנע ארטיקלענ וועגנ יאפּאָניע אונ כינע זײַנענ אָפט קאָמענטירט געוואָרנ: אינ די פירנדיקע צײַטונגענ פונ אמעריקע אונ אייראָפּע, שוינ אָפּגערעדט פונ די ווײַטמיזרעכדיקע לענדער.

ווער ווייסט, וואָס וואָלט פונ אים געוועזנ, ווענ ניט די רעוואָלוציע. דער טאטע זײַנער — מוישע פיינגער איז א גאנצ לעבנ אָפּגעוועזנ א זייגער-מײַסטער אינ דער קליינער שטאָט דערבענט, באם קאספּישנ יאם. גיכער פונ אלצ וואָלט אלעקסאנדער אויכ געוואָרנ א זייגער-מײַסטער.

מיר האָבנ זיכ באקענט מיט אים א יאָר צענ צוריק אינ איינעם פונ די קאבינעטנ פונ דער רעדאקציע „פראוודא". פונ סעקרעטאריאט האָט מענ אָנגעקלונגענ אונ געזאָגט, אז אינעם אויסלענדישנ אָפּטייל איז אָנגעקומענ אפ ארבעט א נײַער מיטארבעטער — כאמאדאנ. ביז דער „פראוודא" האָט ער געארבעט אינ כארבינ אלס פרעס-אטאשע פונ אונדזער גענעראל-קאָנסולאט, איז אויב עמעצער אינטערעסירט זיכ, זאָל ער ארײַנגיינ אינעם אויסלענדישנ אָפּטייל, ווו כאמאדאנ וועט דערציילנ וועגנ זײַנע ווײַטמיזרעכדיקע אײַנדרוקנ.

איך האָב דערזען אַן עלעגאַנט אָנגעטאָנענעם יונגנמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, אַ שטאַלטנעם, פון מיטעלן וווּקס, מיט אַן איידל און קלוג פּנים, וואָס האָט זייער זעלטן געשמייכלט. אַ שאָ צוויי האָבן מיר מיט אים געשמועסט און זיך באַפריינדעט אויף גאַנצן לעבן.

עטלעכע יאָר האָט ער געאַרבעט אין „פּראַוודאַ", געווען פאַר דער צײַט אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ביכל — „אַמעריקאַנער מי-לוועטן". דערנאָך האָט ער איינס נאָכן צווייטן אַרויסגעלאָזן עטלעכע ביכלעך דערציילונגען וועגן כינע און יאַפּאַניע, אַ יאָר צײַט רעדא-גירט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „נאָווי מיר" און האָט אים פאַר-וואַנדלט אין איינעם פון די בעסטע זשורנאַלן אין לאַנד.

דערנאָך איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און כאַמאַדאַן איז גע-וואָרן דער ספּעציעלער קריגס-קאָרעספּאָנדענט פון טאַס. ווו האָט מען אים נאָר ניט געזען. אויף די טאַמע געפערלעכע באַצירקן פונעם מײַ-רעוו-פראָנט האַרבסט 1941, לעבן מאָסקווע אין יענע גרויזאַמע אַקטיא-בער-טעג, ווען דײַטשישע אווטאָמאַטלער האָבן זיך געפונען עטלעכע צענדליק קילאָמעטער ווײַט פון דער אַלטער הויפּטשטאָט פון אונדזער היימלאַנד.

אַהער איז ער געקומען צו פליען פון אָדעסער פאַרטיידיקונגס-ראַיאָן. פון דרײַ זײַטן איז אָדעס דעמאָלט געווען אַרומגערינגלט פון פײַנטלעכן מיליטער. פון הינטן האָט זיך געשפּרייט דער יאַם. פאַ-שיסטישע אַרטילעריע האָט באַשאָסן די שטאָט, טאָג און נאַכט זיינען אויף אָדעס געפאַלן באָמבעס. די גאַנצע שטאָט איז אין יענע האַרבע און אומפאַרגעסלעכע טעג געווען פראָנט, און אויף איינעם פון די געפערלעכסטע באַצירקן פון דעם דאָזיקן פראָנט איז גע-שטאַנען די לעגענדאַרע טשאַפּײַעווער דיוויזיע. דעם גאַנצן כוידעש, וואָס כאַמאַדאַן איז דעמאָלט אָפּגעווען אינעם באַלאַגערטן אָדעס, איז ער געזעסן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער טשאַפּײַעווער די-

וויזיע. ער האָט געקענט אַלעמענ, אונ אַלע האָבנ אים געקענט, אָנ-
געהויבנ פונ דעם פּאָשעטנ שלאַכטמאַנ אונ געענדיקט מיטנ קאָמאַנדיר
פונ דער דיוויזיע, דערנאָכ קאָמאַנדיר פונ דער בײַ-יאַמישער ארמיי —
גענעראַל פּעטראָוו.
נאָכ אָדעס — דער מײַרעוו-פראָנט, דערנאָכ, ווענ עס האָט זיכ
אָנגעהויבנ די פאַרטיידיקונג פונ סעוואַסטאָפּאָל, איז כאַמדאַנ גע-
קומענ צו פליִענ קיינ סעוואַסטאָפּאָל. ער רוט ניט אָפּ קיינ איינ מי-
נוט. גלײַכ פונ אַעראָפּלאַנ לאָזט ער זיכ אַוועק צומ קאָמאַנדע-פּונקט,
אונ פונ דאָרט אָפּ דער פּאָדער-ליניע. די ווײַטסטע פראָנט-באַצירקנ
האָבנ זיכ שוינ דעמלט געפונענ ניט מער ווי אַכט קילאָמעטער פונ
צענטער שטאָט.
די מענטשנ, וואָס האָבנ פריִער ניט געקענט כאַמדאַנענ, האָט
זיכ טיילמאָל אַפילע געדוכט, אַז ער בראַווירט מיט זײַנ ניט מוירע
האָבנ פאַר געפאַר. איכ האָב אָבער געוווּסט, אַז דאָ איז ניטאָ קיינ
שומ בראַווירונג. פּאָשעט, דאָס איז געווענ אַנ עכטער קריגס-קאָרעס-
פּאָנדענט, אונ ער האָט געהאַלטנ, אַז דאָרט, ווו די טויט-געפאַר איז
באַזונדערס נאָענט, ווײַזנ זיכ אַמבעסטנ אַרויס די אינערלעכע אייגנ-
שאַפטנ פונ די מענטשנ. אונ ער איז געגאַנגענ אַהינ, ווו מע האָט
געקענט אַמבוילעטסטנ דערזענ די גאַנצע דערהויבנקײַט פונעמ סאָ-
וועטישנ שלאַכטמאַנ. אָט אַזוי האָט כאַמדאַנ נאָכ צענדליקער בלינ-
דאַזשנ, טראַנשייעס, שוצגראָבנס, ברעג-באַטאַרייעס אונ קריגס-שיפנ
אַנטפּלעקט פאַרנ סאָוועטישנ לייענער אונ פאַרנ וועלט-לייענער די
העלדישע עפּאָפּייע פונ דער פיצינקער באַלאַקלאַווע. ער האָט דער-
ציילט וועגנ די דאָרטיקע פישער, ער האָט דערציילט וועגנ דעמ
אַלטנ פאַריקמאַכער, דעמ פליכעוואַטנ אונ פריילעכנ באַלאַקלאַווער
פיגאַראָ, וואָס האָט געשוירנ אונ געגאָלט זײַנע קליִענטנ אונטערנ
פײַפ פונ פײַנטלעכע באָמבעס אונ אופרײַסנ פונ סנאַריאַדנ. ער האָט
דערציילט וועגנ דעמ, וויִאַזוי די אַרבעטער פונ די ווײַנשטאָקנ האָבנ

אראָפגענומענ די רײַפע ווײַנטרויבנ באנאכט, פויזענדיק אפנ בויכ, ווײַל באטאָג האָבנ געווילדעוועט די פאשיסטישע סנײַפערס. ער האָט דערציילט וועגנ דעמ, וויאזוי מע דארפ גיינ איבער א שטאָט, וועגנ אפ די פעלדזנ, וואָס הייבנ זיכ איבער דער הויפט-גאס, האָבנ זיכ באזעצט דײַטשישע טיילנ. ער האָט דערציילט וועגנ דעמ קליינעמ, אָבער מוטיקנ גארניזאָנ פונעמ גענוער טורעמ, וואָס האָט די דײַטשנ ניט געלאָזט קיינ מינוט רו אפנ עקסטנ לינקנ פלאנג פונעמ קאָלאָסאלנ סאָוועטיש-דײַטשישנ פראָנט.

וועגנ דעמ אלעמ האָט געשריבנ כאמאדאנ, אונ דאָס הייסט, אז ער האָט אליינ געפויזעט אפנ בויכ איבער די ווײַנגערטנער, אליינ זיכ געגאנוועט איבער דער שיינער אונ אינ יענע טעג שרעקלעכער באלאקלאווער ברעג-גאס, אליינ געקלעטערט איבער די קאָפשווינדלענדיקע שטעגנ, אונטער א האָגל פאשיסטישע קוילנ, צומ שפיצ בארג, ווו עס האָבנ זיכ זיבנ יאָרהונדערטער הויכ געהויבנ די רויִנענ פונ דעמ גענוער טורעמ, קעדיי אינ די לעצטע פאָר כאדאָשימ פונ זייער עקזיסטענצ צו געבנ שוצ צוויי צענדליק פריילעכע אונ געוואגטע סאָוועטישע סאָלדאטנ. עטוואָס מער פונ א האלבנ קילאָמעטער האָט אָפגעטיילט דעמ דאָזיקנ טורעמ פונ די דײַטשישע ארטילעריע-באטארייעס אונ מינענווארפערס. העכער אָנדערהאלבנ הונדערט סנא-ריאדנ אונ צוויי הונדערט מינעס האָבנ זיכ אויפגעריסנ אפנ קלייניקנ שטעטעכ פונ דעמ גענוער טורעמ אינ מעשעכ פונ די צוויי מעסלעס, וועלכע עס האָט דאָרט פארבראכט מיט די שלאכטלײַט דער העלדישער קריגס-קאָרעספאָנדענט אלעקסאנדער כאמאדאנ.

אינ מיטנ אפרעל איז ער ארויסגעפלויגנ קיינ מאָסקווע. דאָס האָט באדײַט, אז כוצ די לויפנדיקע קאָרעספאָנדענצנ, וועלכע ער פלעגט אוועקשיקנ דירעקט פונ סעוואסטאָפאָל, האָט זיכ בא אימ אָנגעזאמלט א סאכ מאטעריאל, וואָס האָט געפאָדערט א מער דויערהאפטע אונ רויִקערע באארבעטונג.



אלעקסאנדער מאָיסייעוויטש כאמראנ

ער האָט זיכ אומגעקערט אינ סעוואסטאָפאָל אינ די לעצטע דאַטעס פונ יונ, עטלעכע טעג פאַר דעמ, ווי די שטאָט איז געפאַלנ. ער האָט געוווּסט, אַז נאָכ עטלעכע געציילטע טעג, אונ די דײַטשנ וועלנ אַרײַנ אינ שטאָט. מע האָט אימ ניט געוואָלט אַהינ אַרײַנלאָזנ. ער וואָלט זיכ אָבער קײנמאָל ניט מויכל געווענ, ווענ ער וואָלט אינ יענע טעג ניט געווענ מיט די, מיט וועלכע עס האָט אימ אָפ אײביק פאַרבונדנ די פעסטע סאָלדאַטישע פרײַנטשאַפט. ער האָט זיכ דערשלאָגנ זײַנס. מע האָט אימ דערלויבט צו פליִענ אונ געגעבנ אַנ אָרט אינעמ עראָפּלאַנ, וואָס איז געפלויגנ אינ סעוואסטאָפאָל צו עוואַקוירנ פאַרווונדעטע. אַראָפּגענידערט האָט ער אָפ אַנ עראָדראָמ, וואָס איז קעסיידער באַשאָסנ געוואָרנ פונ פײַנטלעכע האַרמאַטנ. אַ צונויפגעדרייטער אינגדרײַענ (אַזוי אָפּט האָבנ זיכ געריסנ סנאַריאַדנ) איז ער דערלאָפנ צו דער ערשטער בעסטער מאַשינ אונ איז אַוועקגעפאָרנ צו דער פאָדער־ליניע.

אינ עטלעכע טעג אַרומ איז שוינ אַלצ געווענ פאַרענדיקט. די דײַטשנ זײַנענ אַרײַנ אינ שטאָט. איצט האָט מענ געדאַרפט אַוועקפליִענ. נאָר כאַמאַדאַנ האָט געוואָלט אײַנאָרדענענ אַ פרוי אונ האָט פאַרלוירנ זײַנ אָרט אינ עראָפּלאַנ. אונ דאָס האָט באַדײַט טויט. אַלצ ענגער אונ ענגער האָט זיכ געשלאָסנ אַרומ דעמ בינטל סאָוועטישע מענטשנ באַמ ברעג דער אײַזערנער רונג פונ פאַשיסטישנ מיליטער. אַוועקגײנ איז שוינ ניט געווענ וועג אונ ניט געווענ וווּהינ. אַלעקסאַנדער כאַמאַדאַנ האָט זיכ ניט געקליבנ גײנ צו די דײַטשנ אינ געפאַנגענשאַפט. ער האָט געוווּסט, אַז סאַכאַקל עטלעכע שאָ טײלנ אימ אָפ פונ אומפאַרמײַדלעכנ אומקומ. אונ אינ אָט די לעצטע אונ שרעקלעכע שאָענ שרײַבט ער זײַנ לעצטע קאָרעספּאָנדענצ וועגנ די לעצטע טעג אונ שאָענ פונ די לעצטע פאַרטיידיקער פונ סעוואסטאָפאָל. ער האָט זי געפרוווט איבערגעבנ דורכ דער לעצטער ראַדיאָ־סטאַנציע, וואָס האָט זיכ נאָכ פאַרהיט אינ אונדזערע הענט, נאָר עס האָט זיכ אימ ניט אײַנגעגעבנ.

וועגנ דעמ דאָזיקנ וווּנדער-שײנעמ אקאָרד פונ אלעקסאנדער כאמאדאנס פּרעכטיק לעבנ האָט מיר דערציילט מײַנער א צווייטער סעוואסטאָפּאָלער כאווער, דער קאָרעספּאָנדענט פונ דער פלאָט-צײַטונג „קראסני טשערנאָמאָרעצ“ מאַיאָר פיליפּ טשאצקי. דער דאָזיקער דרײַסטער אָדעסער ייִד איז — צומ אונטערשייד פונ כאמאדאנענ — געווענ אנ אויסגעצייכנטער שווימער. ער איז אראָפּגעשפּרונגענ אינ יאמ ארײַנ פונ א פעלדז דרײַסיק מעטער די הייכ אונ האָט זיכ דערקליבנ בײַז נאָענטסטנ יעגער-קאטער. ער האָט עס אונדז דערציילט וועגנ כאמאדאנס לעצטער קאָרעספּאָנדענצ.

ווענ דער בארימטער העלד פונ דער אָדעסער אונ סעוואסטאָפּאָלער פארטיידיקונג דער גענעראל-לייטענאנט פּעטראָוו איז געווענ אינ מאָסקווע, האָט ער קוידעמקאָל אופגעזוכט כאמאדאנס פרוי. לאנג איז ער אָפּגעזעסנ בא איר, דערמאָנענדיק זיכ וועגנ איר מאנ, וועגנ זײַנ מוטיק לעבנ אונ העלדישנ טויט.

— דאָס איז געווענ אנ עמעסער מענטש, — האָט דער גענעראל געזאָגט באמ געזעגענענ זיכ, — ער האָט ליב געהאט דאָס לעבנ אונ האָט קיינמאָל ניט מוירע געהאט פארנ טויט. ער איז געווענ אנ עמעסער זשורנאליסט אונ אנ עמעסער סאָלדאט. ער איז געווענ אנ עכטער פאטריאָט פונ אונדזער היימלאנד.

אונ איר דארפט וויסנ, אז גענעראל פּעטראָוו האָט זיכ ניט ליב צו ווארפנ מיט אזעלכע ווערטער.

## די דיפּלאָם־אַרבעט פֿונעם אינזשעניער גורעוויטש

דעם צוויי-און-צוואַנציקסטן יוני צוועלף אַזייגער באַטאָג האָט דער צוהערער פֿונעם יאַם-פֿאַקולטעט פֿון דער מיליטערישער אינזשעניער-אַקאַדעמיע אַפּ קויבישעוו נאָמען — יאַן לוואָוויטש גורעוויטש געזאָלט פֿאַרטיידיקן זײַן דיפּלאָם-פּראָיעקט. אַזייגער עלף, בײַס ער האָט שפּאַצירט איבער די ברייטע און פּריילעכע לענינגראַדער גאַסן, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ פֿאָרשטייער פֿון דער מיליטערישער קאָמענדאַטור און האָט אים פֿאָרגעלייגט דרינגענדיק אומקערן זיך אין טייל. דאָס איז געווען אַ באַפֿעל פֿונעם גאַרניזאָן-שעף, און ער האָט געהאַט אַ שײַכעס צו אַלע מיליטערלײַט אָן אויסנאַם, אַפֿילו צו די, וואָס האָבן אין אַ שאָ אַרום געזאָלט פֿאַרטיידיקן דעם דיפּלאָם-פּראָיעקט און האָבן זיך נײטיק געדאַרפֿט דורכלופֿטערן.

צוועלף אַזייגער באַטאָג האָט גורעוויטש צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַנד געהערט וויאַטשעסלאַוו מיכײַלאָוויטש מאָלאָטאָווס אַרויסטרעטונג אין ראַדיאָ. דאָס איז געווען דער יונ-זונטיק פֿון 1941, דער ערשטער טאָג פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע קעגן די דײַטשישע פֿאַרכאַפּער.

די פֿאַרטיידיקונג פֿון די דיפּלאָם-פּראָיעקטן איז אין דער אַקאַדעמיע אָפּגעלייגט געוואָרן אַפּ אַ יאָר צײַט, און גורעוויטש האָט זיך דערווײַל פֿאַרנומען מיט דער פּראַקטיק פֿון פֿעלד-פֿאָרטיפֿיקאַציע. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פֿון דער בויונג פֿון דער

פארטיידיקונג-ליניע: קיראָווער זאוואָד — שטאָט אוריצק. דאָס איז לאכלוטנ ניט ענלעכ געווענ צו דער ארבעט, צו וועלכער ער האָט זיכ געגרייט אינ אקאדעמיע. ער האָט זיכ געקליבנ בויענ ברעג-באפעסטיקונגענ, אונ אויסגעקומענ איז בויענ פעלד-באפעסטיקונגענ. ער האָט געמיינט, אז עס וועט אימ אויסקומענ צו ארבעטנ אפ די וויַיטע יאמ-גרענעצנ פונ אונדזער היימלאנד, אונ דערפאָרנ איז ער ביזנ ארבעטס-אָרט אפ א לענינגראדער טראמוויַי. געארבעט אונטער זיַינ אָנפירונג האָבנ ניט קיינ יאמליַיט סאפיאָרנ, נאָר לענינגראדער ארבעטער.

אפ דער ארבעט פלעגנ ארויסגיינ מיטאמאָל עטלעכע צעכנ פונ די גיגאנטישע אונ בארימטע זאוואָדנ אפ קיראָווס נאָמענ אונ אפ מארטיס נאָמענ. מע פלעגט ארויסגיינ בעראָש מיט די דירעקטאָרנ, צעכ-שעפנ אונ מיַיסטערס, מיט די פארטקאָמענ אונ זאווקאָמענ. טאָג אונ נאכט, אָנ אָפרו, האָבנ מענטשנ געגראָבנ קעגנטאנק-רויענ, געבויט דאָטנ אונ דזאָטנ, איַינגעשטעלט הארמאטנ. דאָס זיַינענ געווענ טעג אונ נעכט, וואָכנ אונ כאדאָשימ פונ קעסיידערדיקער העלדישער ארבעט אינ נאָמענ פונ פריַיהיַיט אונ אומאָפהענגיקיַיט פונ אונדזער היימלאנד.

דערנאָכ איז געקומענ א קורסאנטנ-בריגאדע פונ יאמ-אינפאנטעריע אונ האָט איבערגענומענ די פארטיידיקונג-ליניע, וואָס איז אופגעבויט געוואָרנ אונטער גורעוויטשעס אָנפירונג. די דאָזיקע ליניע, וואָס עס האָבנ אופגעבויט לענינגראדער ארבעטער אונ פארטיידיקט באלטישע יאמליַיט, האָבנ די דיַיטשנ ניט געקענט איַינבײַסנ. דאָ האָבנ זיי ניט געמאכט קיינ איינ טריט פאָרויס.

אָנהייב אווגוסט האָט מענ גורעוויטשנ געשיקט אינ שווארציאמישנ פלאָט, קיינ סעוואסטאָפאָל. ביז מיטנ סענטיאבער איז ער געהילפ פונעמ ארבעטס-אָנפירער. ער האָט אָנגעפירט מיט דער בויונג פונ די באפעסטיקונגענ אינ ראיאָנ פונ באלאקלאווע, דערנאָכ האָט ער אָנגעפירט מיט דער בויונג פונ די פארטיידיקונג-ליניעס אינ ראיאָנ טשערקעז-קערמענ. אָנהייב נאָיאבער, ווענ די דיַיטשנ זיַינענ צוגע-

גאנגענ שוינ קימאט הארט צו סעוואסטאָפאָל, האָט גורעוויטש מיט א גרופע סאפיאָרנ מינירט אונ אופגעריסנ א טייל פונעמ יאלטער שאָסיי. צוויי קילאָמעטער וועג איז שוינ איצט געווענ אומעגלעכ דורכצוגיינ. די דײַטשישע טאנקענ זײַנענ טאקע דאָ ניט דורכגעגאנגענ. די פריצנ האָבנ געמוזט מויכל זײַנ קריכנ איבער בערג-איבערגענג, מיט געפערלעכע אונ אומבאקוועמע בארג-שטעגנ אונ מיטנעמענ מיט זיכ בלויז לײַכטע באוואָפענונג.

אזוי פארטאָנ אינ שלאכט-ארבעט, האָט גורעוויטש ניט באמערקט, ווי ס'איז דורכ א יאָר — דאָס ערשטע יאָר מילכאָמע. סאָפ יונ 1942 האָט מענ אימ געשיקט אינ אקאדעמיע פארטיידיקנ זײַנ דיפלאָמ-פראָיעקט. דאָס איז געווענ זייער א מאָדנע, אומגעוויינלעכע פארטיידיקונג. גורעוויטש האָט אָנ ראכמאָנעס קריטיקירט זײַנ ארבעט, איבער וועלכער ער איז אָפגעזעסנ אזוי פיל שלאָפלאָזע נעכט אינ יענע נאָכ גאָר נאָענטע אונ שוינ אזוינע ווײַטע פארמילכאָמע-יאָרנ. א יאָר מילכאָמע האָט א סאכ אויסגעלערנט גורעוויטשנ. א סאכ זאכנ, וואָס זײַנענ ניט נאָר פאר אימ, נאָר פאר פיל געשעצטע אווטאָרס פונ געשעצטע אקאדעמישע ווערק, געווענ ניט גאָר קלאָר, זײַנענ אימ איצט אינ גאנצנ קלאָר געוואָרנ. אינ פײַער פונ דער מילכאָמע האָט זיכ אינ א באדײַטנדיקער מאָס אויסגעשמידט א נײַע מיליטערישע אינזשעניער-וויסנשאפט.

נאָכ דעמ, ווי גורעוויטש האָט פארטיידיקט זײַנ דיפלאָמ-ארבעט, האָט ער געבעטנ, מע זאָל אימ שיקנ צוריק אינ אָפערירנדיקנ שווארצ-יאמישנ פלאָט. ער איז געפאָרנ — ווו אָפ אנ אעראָפלאנ אונ ווו אָפ א דאכ פונ א צוג. ער האָט געזענ, ווי עס ברענט א צעבאָמבירטער דורכ די דײַטשנ דער צוג, פונ וועלכנ אימ האָט זיכ אײַנגעגעבנ ארויסצושפרינגענ אינ גאנג. עס איז אימ אויסגעקומענ טיילמאָל צו ווארטנ פינפ—זעקס מעסלעס אינ סטעפ, ביז מע וועט אָפרעמאָנטירנ דעמ וועג אונ עס וועט קומענ א נײַער צוג. אינ יענע ביטערע אונ

הארבע אווגוסט-טעג פֿון 1942 האָט מען געדארפֿט ארויסוויַיזן א סאך אקשאָנעס און ווילן, קעדיי אזוי גיך, ווי דאָס האָט זיך איַינגעגעבן גורעוויטשן, דערקליַיבן זיך צום שווארצן יאם.

אין יאנווואר 1943 האָט גורעוויטש געבויט פּארטיידיקונגס-ליניעס אין די בערג, אף די צוגענג צו טואפּסע. דאָס איז געווען אן אויס-צערנדיקע און געפֿערלעכע ארבעט אונטער קעסיידערדיקע דיַיטשישע באָמבארדירונגען. גורעוויטשן האָט זיך אָבער געדוכט, אז דאָס איז ניט קיין שלאכט-ארבעט. ער האָט געבעטן, מע זאָל אים שיקן אין דער יאם-אינפאנטעריע. אין דער נאכט פֿון דריטן אפֿן פֿערטן פֿעווראל 1943 האָט ער זיך מיטן באטאליאָן פֿון צעזאר קוניקאָוו ארויסגעזעצט אין סטאניטשקא, לעבן נאָוואָראָסיַיסק. ער איז באשטימט געוואָרן אלס קאָמאנדיר פֿון א סאפּיאָרן-גרופּע. מיט דער צווייטער גרופּע האָט אָנ-געפֿירט זיַין פֿריַינט מאטוויי ווערכאָלאז, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערציילט. גורעוויטש מיט זיַינע סאפּיאָרן האָבן געמאכט דורכגענג אין די פֿיַינטלעכע מיַ.ען-פֿעלדער און דראָט-פֿארצאמונגען, אופֿגעשטעלט די צעבאָמבירטע אנקער-פֿלעצער, געבויט נײַע אנקער-פֿלעצער, איַינ-געשטעלט זעניט-באטארייעס, פּראָזשעקטאָר-אינסטאליאציעס.

אף דער בארזשע, אף וועלכער ער האָט זיך אומגעקערט אף דער „גרויסער ערד", זיַינען אָנגעפֿלויגן דיַיטשישע עראָפּלאנען. פֿון די זעכציק מענטשן, וואָס זיַינען געווען אף דער בארזשע, זיַינען 12 דערהארגעט געוואָרן און בלויז עטלעכע זיַינען ניט געווען פֿאר-וווּנדעט.

ווען גורעוויטש האָט זיך ענדלעך דערקליבן צו דער באזע, האָט ער איבערגעגעבן די דורכגעשאָסענע אקטן און דאָקומענטן, וועלכע ער האָט מיטגעבראכט פֿון דער „קליינער ערד" און איז ארויסגעפֿאָרן קיין פּאָטי צו זען זיך מיט זיַין מוטער. שוין אן עלטערע פֿרוי — א דאָקטער, איז זי פֿריַיוויליק אוועק אין אָפּערירנדיקן פּלאָט, קעדיי צו העלפֿן די קינדער אירע שלאָגן דעם דיַיטש. א צווייטער זון

אירער, אַן עלטערער לייטענאַנט א פּליִער האָט מילכאָמע געהאַלטן אַפ איינעם פון די יאַבאָשע-פראָנטן, די טאָכטער האָט געאַרבעט אין א מיליטערישן זאַוואָד.

באַגלייט די מוטער צו איר אַרבעטס-אָרט, האָט זיך גורעוויטש אַוועקגעזעצט אַפ „ליטעראַרישער" אַרבעט. ער האָט אָנגעשריבן א גרויס און אינטערעסאַנט אַרטיקל וועגן דער אינזשעניער-אַרבעט באַם זיכערן די אָפּעראַציעס אַפ דער „קליינער ערד" און האָט עס אָפּ-געדרוקט אין א מיליטעריש-טעכנישן זשורנאַל. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער אַזאָווער קריגס-פלאָטיליע, האָט אָנטייל גענו-מען אין דער מאַריִופּאָלער אָפּעראַציע, און פון סאַמע אָנהייב אָן פון די שלאַכט-אָפּעראַציעס אַפן לאַנדפּאַס טשושקא האָט ער געאַרבעט דאָרט.

עס וועט נאָך קומען א צײַט, און וועגן די מענטשן, וואָס האָבן מילכאָמע געהאַלטן אַפ אָט דעם לאַנדפּאַס, וועט מען אָנשרײַבן גאַנצע ביכער.

פון אָט דעם לאַנדפּאַס האָט מען אונטער באָמבעס און אַרטילעריע-סנאַריאַדן טאָג און נאַכט איבערגעשיקט מענטשן, שלאַכט-מאַטעריאַלן, באַוואָפענונג און דערנערונג פאַר אונדזערע דעסאַנט-טיילן אַפן קער-טשער האַלב-אינדזל.

איינמאָל אין א פינצטערער האַרבסטיקער נאַכט האָט מען גע-מוזט דרינגענדיק איבערגעבן א וויכטיקן באַפעל די קאַטערס אַפן רעיד. עס זײַנען געווען ערנסטע סיבעס, מאַכמעס וועלכע מע האָט זיך ניט געקענט באַנוצן מיט קיין ליכט-סיגנאַליזאַציע און ניט מיט קיין אַנדערע סיגנאַלן. אונטער די הענט איז אויך ניט געווען אַפ וואָס צו שווימען.

דעמלט האָט דער אינזשעניער-קאַפּיטאַן גורעוויטש געזאָגט:

— גרייט צו בראַנפן, איך שווים.

א מינוט פּערציק איז גורעוויטש געשוווּמען אין אײַזקאַלטן וואַסער.

אינ דער געדיכטער פינצטערניש האָט ער זיך אָנ קיינ שום אָריִענטירנ דערקליבנ צו די קאטערס אונ האָט איבערגעגעבנ דעם באפעל פונ דער קאָמאנדשאפט.

— וואָס וואונדערט איר זיך? — האָט ער אינגאנצנ אופריכטיק אויסגעטײַנעט זיך מיט זײַנע פרײַנט, ווענ ער האָט זיך אומגעקערט אפנ ברעג. — איך האָב דאָך מיט קיינ זאך ניט ריזיקירט. שווימענ קענ איך. קיינ קראמפנ טרעפנ ניט בא מיר.

ער האָט אויסגעטרונקענ בראנפנ, קעדיי זיך צו דערווארעמענ, א שאָ אָנדערהאלבנ גערוט אונ איז אוועק דעזשורענ.

אינ עטלעכע טעג ארום האָט מענ אים דרינגענדיק ארויסגערופנ אפ איינעם פונ די אנקער-פלעצער. עס האָט אים געפאָדערט צו זיך דער גענעראל פעטראָוו, וועלכער האָט דעמלט אָנגעפירט מיט דער באזונדערער בײַ-יאמישער ארמיי. ער האָט פערזענלעך איבערגעגעבנ דעם אינזשעניער-קאפיטאנ יאנ לוואָוויטש גורעוויטשנ די הויכע רעגירונג-באלוינונג — אנ אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ. דאָס איז געווענ דער צווייטער אָרדענ אונ די פערטע רעגירונגס-באלוינונג פונעם יונגנ קריגס-אינזשעניער דעם קאָמוניסט גורעוויטש.

אזוי האָבנ זיך אינ פײַער פונ דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אויסגעשמידט דרייסטע, געניטע אונ דערפארענע מיליטערישע ספעציִאליסטנ — מוסטערהאפטע אָפיצערנ פונעם סאָוועטישנ פלאָט, טרײַע פאטריִאָטנ פונ אונדזער היימלאנד.

## עטלעכע ווערטער וועגן דעם קאפּיטאן מישע כאַיט

ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, געהאַט א קאָפּ בלאָנדע האָר. א באַשיידענער און פריילעכער מענטש, שוין באַלוינט מיט אן אָר-דען פון דער רויטער פאָן פאר די שלאכטן אפ קובאן. מיט אים האָט מען געקענט מאכן א פּאַרטיע שאָך, כאַפּן א שמועס וועגן פּאָ-ליטיק, דערציילן וועגן דער מישפּאָכע. זײַן פרוי און קינד זײַנען געווען עוואַקויִרט אין באַקו, און ער האָט געטרוימט אריבערפירן זיי נענטער צו זיך.

ווען מיר האָבן זיך געגרייט צו דעם דאָרעם-אָזערייקער דעסאַנט, האָט קאַפּיטאן מישע כאַיט געארבעט אין דער אָפּעראַטיווער גרופּע פון דער פּאָליטפּאַרוואַלטונג פון שווארציאַמישן פלאָט. איר אויפגאַבע איז געווען — פּאָליטיש זיכערן די דאָזיקע געפערלעכע און שווערע אָפּעראַציע. אָבער ניט אלע טוער פון דער אָפּעראַטיווער גרופּע האָבן געזאָלט גיין אין דאָרעם-אָזערייקאַ. כאַיט האָט געזאָלט בלײַבן אין געלענדזשיק. א שאָ פאר דעם, ווי די דעסאַנט-שיפן האָבן זיך גע-זאָלט לאָזן אין וועג, האָב איך אים געטראָפן אפן ברעג. ער איז געווען שטארק צעקלעמט.

— איך מוז אומבאַדינגט פאָרן מיט דעם דאָזיקן דעסאַנט, — האָט ער מיר געזאָגט. — איך האָב אָנטייל גענומען אין צוגרייטן אים, און איצט נא דיר גאָר, איך דארף בלײַבן דאָ! ווו איז לאָגיק, ווו איז יושער?

ניט לאנג פאר דעם, ווי מיר האָבן אויפגעהויבן די אנקערס,

האָב איך זיך דערוווּסט, אַז כאַיִם האָט זײַנס אויסגעפֿירט. ער איז געווען גליקלעך.

שפּעט באַנאַכט האָב איך פֿונעם בריקל אַפֿן טראַלער, ווּ איך האָב זיך געפֿונען, געזען, ווי ס׳איז צו צום ברעג די שיף, אַף וועלכער עס איז געווען כאַיִם. איך האָב געזען, ווי אַפֿן אויבער־דעק פֿון דער שיף האָט זיך אופֿגעריסן אַ פֿײַנטלעכע מינע, ווי די דעסאַנטלער זײַנען געשפּרונגען אין וואַסער אַרײַן, קעדיי וואָס גיכער זיך צו דערקלײַבן צום ברעג.

אַף מאָרגן באַטאָג האָבן מיר זיך נאָכן אויספֿילן די אופֿגאַבע אומגעקערט קיין געלענדזשיק, און ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן דעם טראַגישן און גרויסמוטיקן טויט פֿון אונדזער פֿרײַנט מישע כאַיִם.

ער איז פֿאַרווּנדעט געוואָרן פֿון אַ מינע־שפּליטער נאָך אַף דער שיף, נאָר ער האָט זיך ניט געוואָלט עוואַקויִרן צוזאַמען מיט די פֿאַרווּנדעטע. דורך דעם פֿײַערדיקן האָגל פֿון סנאַריאַדן, מינעס און קוילן איז ער דערשווּמען צום ברעג און האָט זיך גלײַך געוואָרפֿן אין ברען פֿון שלאַכט. כאַיִם מיט אַ קליינער גרופּע אונדזערע יאַמ־לײַט זײַנען אַרומגערינגלט געוואָרן. ער איז ווידער פֿאַרווּנדעט גע־וואָרן, דאָס מאָל — שווער, אָבער ניט אופֿגעהערט צו באַשיסן דעם סוינע.

איינציקע זײַנען פֿון דער גאַנצער גרופּע לעבן געבליבן צוויי: כאַיִם און נאָך איין רויטפֿלאָטלער.

ניקיפֿאָראָוו (דאַכט זיך, אַזוי האָט ער געהייסן) האָט גענומען אַף דער פּלייצע דעם שווער פֿאַרווּנדעטן כאַיִם און האָט זיך געלאָזט אין די בערג, קעדיי זיך דורך דער פֿראָנט־ליניע דערקלײַבן צו אונדזערע. אים איז געווען זייער שווער. ער איז אַליין געווען פֿאַר־ווּנדעט, עמעס — ניט שווער. כוץ דעם איז ער דאָך אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעווען אין שלאַכט.

כאַיט האָט געזען, אַז בא ניקיפאָראָוון גייען אויס די קויכעס. ער האָט פארשטאַנען, אַז זאַלבעצווייט וועלן זיי זיך געוויס ניט דאַ־טעווען און אַז ניקיפאָראָוו וועט אומזיסט אומקומען.

— לאָז מיך איבער! — האָט ער געזאָגט צו ניקיפאָראָוון. — דו וועסט מיך ניט ראַטעווען און וועסט אַליין אומקומען.

ניקיפאָראָוו האָט זיך, נאַטירלעך, אָפּגעזאָגט. דאָס איז ניט די טעווע פון סאָוועטישע שלאַכטלײַט — איבערלאָזן אַ כאַווער אין אַן אייס־צאָרע.

לאַנג האָט כאַיט אײַנגעטײַנעט מיט זײַן טרײַען כאַווער, נאָר יענער האָט נאָר מיט דער האַנט געמאַכט.

— נו, אויב אַזוי, לאָמיר פאַרייכערן, — האָט כאַיט פאָרגעלייגט ניקיפאָראָוון.

— דאָס, זעסטו, איז גאָר עפּעס אַנדערש, — האָט צוגעשטימט ני־קיפאָראָוו. ער האָט פאָרזיכטיק אַוועקגעלייגט כאַיטן אפן גראָז און האָט גענומען אַרויסשלעפּן פון קעשענע דעם פּאָרטסיגאַר. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אים אַרויסנעמען, ווי עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס. דאָס האָט מישע כאַיט אויסגענוצט די רעגע, ווען זײַן פרײַנט האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זײַט, האָט אַרויסגעשלעפּט זײַן פּיסטאָ־לעט און איז מיטן לעצטן פּאַטראָן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

ער האָט זיך געבראַכט פאַר אַ קאָרבן, קעדיי צו ראַטעווען אַ מענטשן, מיט וועלכן ער איז אַגעוו געווען באַקאַנט ווייניקער ווי אַ מעסלעס, אָבער מיט וועלכן עס האָט אים פאַרבונדן די גרעסטע פרײַנטשאַפט — די פרײַנטשאַפט פון קריגער.

און ניקיפאָראָוו האָט זיך בעשאָלעם דערקליבן צו אונדזערע טיילן און האָט אונדז דערציילט וועגן דעם מוטיקן און העלדישן טויט פון קאַפּיטאַן מישע כאַיט.

מיר האָבן מיט אַ גוט וואָרט דערמאָנט מישע כאַיטן, ווען מיר האָבן זיך ווידער אומגעקערט קיין סעוואַסטאָפּאָל, ווען עס איז באַ־

פרײַט געוואָרן אָדעס. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין אים, ווען מיר זײַנען צום ערשטן מאָל ארופגעטראָטן אפ פרעמדער ערד. ער איז געווען מיט אונדז אין קאָנסטאנצע און בורגאס, אין סאָפיִע און בוקארעשט, ער איז געווען מיט אונדז אין יענעם ליכטיקן טאָג, ווען איבער בערלין האָט אופגעפלאטערט אונדזער זיגרײַכע פאָן, ווען עס איז געקומען דער טאָג פון ענדגילטיקן ניצאָכן, אין קאמף פאר וועלכן מישע כאַיִט האָט אזוי באשיידן און ערלעך אָפגעגעבן זײַן יונג לעבן.

## דער זעניטלער באָריס גאָרעל

באקענט האָבן מיר זיך אין דער שטאָט איזמאַיל אינעם שטאב פון דער דונײַ-פלאָטיליע. פאר מיר איז געשטאנען א יונגערמאן פון א יאָר פינף און צוואנציק, נישט קיין הויכער, א דארער, אן עט-וואָס אײַנגעהויקערטער, אין דער אוניפאָרם פון א יאם-קאָמאנדיר. דעם עמעס געזאָגט, ס'איז מיר אפילע אפן געדאנק ניט געקומען, אז דער דאָזיקער שווײַגעוודיקער יונגערמאן, וואָס איז אפילע אין דער אוני-פאָרם ענלעך געווען מער אף א ציווילן מענטש, ווי אף א מילי-טערישן, — אז אָט דער יונגערמאן טראָגט אין זיך אזויפיל מוטיקײַט און אויסערגעוויינלעכע דרייסטקײַט. און אָט וואָס באָריס גאָרעל האָט אופגעטאָן אין איינעם פון די וואָכעדיקע שלאכט-טעג.

די דײַטשישע טאנקען האָבן זיך באוויזן אומדערווארט און גאָר ניט פון יענער זײַט, פונוואנען מע האָט זיך געקאָנט אף זיי ריכטן. דרײַ שטאָלענע כײַעס האָבן זיך געטראָגן מיט דער גאנצער שנעל-קײַט אף דער זעניט-באטאריי, ווו גאָרעל איז געווען דער געהילפ-קאָמאנדיר. זיי זײַנען געגאנגען צום אעראָדראָם, ניט באמערקנדיק, אז אף זייער וועג האָט זיך פארטײַעט א קונציק פארמאסקירטע בא-טאריי. די טאנקען האָבן אין גאנג באשאָסן דעם אעראָדראָם. עט-לעכע הארמאטן-קוילן האָבן, ניט דערפליִענדיק, זיך אופגעריסן לעבן קאָמאנדע-פונקט און שווער פארוונדעט דעם קאָמאנדיר. באָריס גאָ-רעל האָט אים פארביטן. ער האָט צוגעלאָזט די טאנקען אף דרײַ

הונדערט מעטער און געעפנט אַפ זיי א פײַער פונ די זעניט-האַרמאטנ. אינ עטלעכע מינוט ארום זײַנען צוויי טאנקען צעקלאַפּט געוואָרנ. דער דריטער האָט פארקערעוועט צוריק און האָט געמאכט פליטע.

גאָרעל מיט צוויי רויטפּלאָטלער האָבנ זיך א וואָרפ געטאָנ צו די צעקלאַפּטע טאנקען, קעדיי אופרײַסנ זיי. די דײַטשנ האָבנ גענומען שיסנ אַפ זיי פונ האַרמאטנ. די יאמלײַט האָבנ פאָרגעזעצט זייער געפערלעכנ וועג. אנ אופרײַס-כוואליע האָט אראָפּגעריסנ פונ גאָרעלנ דעם העלמ. א צווייטער אופרײַס האָט אײַנגעגראָבנ דעם העלמ אינ דער ערד, נאָר די יאמלײַט זײַנען מיט אקשאָנעס געקראָכנ פאָרויס.

פונעם נאָענטסטנ טאנק האָט זיך ארויסגערוקט א פאשיסטישער אָפיצער מיט א פאָנעם מעשוגע פאר שרעק. גאָרעל האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסנ אינ אימ. דער דײַטש איז צוריק ארײַנגעפאלנ אינ ליוק. פונעם טאנק האָט זיך גלײַך דערהערט אנ אופרײַס, דערנאָך האָט א זעצ געטאָנ א פײַער. דער טאנק האָט געברענט. די מאנשאפט פונעם צווייטנ טאנק איז שוינ פריער אנטלאָפנ. גאָרעל האָט זיך אינ דעם איבערצײַגט, ווענ ער איז ארײַנגעקראָכנ אינ ליוק. אויסער די צעקאליעטשעטע רויפנ, איז דער טאנק געווענ אינ פולשטענדיקער אָרדענונג, און גאָרעל האָט באשלאָסנ שלאָגנ די פאשיסטנ פונ זייער אייגענער מאשינ.

אימ איז אויסגעקומענ היפש א האָרעווע צו טאָנ, ביז ער האָט אָפּגערייניקט דעם טאנק פונ דעם האָב-און-גוטס, וואָס די עכט-ארישע באנדיטנ האָבנ אָנגעראבעוועט. די דאָזיקע אָנגערויבטע „טראָפייענ" האָבנ געשטערט דער באוועגונג פונעמ הארמאט-טורעמ.

דערנאָך האָט גאָרעל זיך גענומענ דערלערנענ דעם טאנק. ארום האָבנ געקנאלט די אופרײַסנ פונ די פײַנטלעכע סנאריאדנ, די שפליטערס האָבנ געקלאַפּט איבערנ פאנצער, אינעם טאנק איז געווענ הייס, ווי אינ גענעמ, נאָר גאָרעל האָט מיט צונויפגעפרעסטע ציינ

פּיבערהאַפּט דערלערנט די אומבאַקאַנטע קאָנסטרוקציע פֿונעם טאַנק.

פֿונעם דיוויזיאָן-שטאַב איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל: די באַטאַריי זאָל אַריבער אויף אַן אַנדער פּאָזיציע און דעם טאַנק זאָל מען אויפֿרײַסן. גאָרעל האָט געבעטן אַ דערלויבעניש צו בלײַבן אין טאַנק און מיט זײַן פֿײַער צודעקן דעם צוריקמאַרש פֿון דער באַטאַריי.

— איך וועל אים באַלד באַהערשן! — האָט ער געבעטן, — מיר וועלן פֿון אים מאַכן אַ גוטן „דזאָט".

מע האָט אים דערלויבט. ווען ער איז צוריק אַרײַנגעקראָכן אין דער טראָפּיי-מאַשין, האָט ער געפּרוווט אַרויסדרייען דעם טורעם. דאָס מאָל האָט ער זיך לײַכט אַרויסגעדרייט. די „טראָפּייען" האָבן מער ניט געשטערט.

ווען די באַטאַריי האָט זיך שוין געקליבן צו רירן פֿון אָרט, האָבן זיך ווידעראַמאָל באַוויזן דײַטשישע טאַנקען. די פֿײַנטלעכע מי-נענוואַרפֿערס האָבן זיי געשטיצט מיט זייער פֿײַער. נאָך די טאַנקען האָט אָנגעגריפֿן אַ געדיכטע קייט פֿאַשיסטישע פּוסגייער.

זיי זײַנען געגאַנגען זיכער און רויִק. פֿונעם באַאָבאַכטונג-פּונקט האָבן זיי דאָך געזען, ווי די סאָוועטישע זעניטלער האָבן געגרייט די באַטאַריי צו בײַטן די פּאָזיציע. זיי האָבן אויסגעקליבן גראָד דעם מאָמענט, ווען די האַרמאַטן האָבן אין זיי ניט געקאָנט שיסן.

זיי האָבן אָבער געהאַט אַ טעות אין כעזשבן.

מיט די ערשטע דרײַ שאָסן האָט גאָרעל צעקלאַפּט אַ טאַנק, וואָס איז געגאַנגען גלײַך אויף אים. דערנאָך האָט ער אַריבערגעטראָגן דאָס פֿײַער אויף די מאַשינען, וואָס האָבן זיך געפּרוווט פֿאַרגיין אים פֿון די פֿלאַנגען. נאָר אָט האָט זיך אויך אַ צווייטע מאַשין גענומען דרייען אויף איין אָרט, ווי אַ פֿאַרווונדעטע חיה, און איז דערנאָך שטיין געבליבן, אָנגעבויגן אויף אַ זײַט. דער דריטער טאַנק האָט זיך פֿלינק אַרויסגעדרייט און זיך אָפּגעטראָגן.

גאָרעל האָט אויך אַ סך געמאַכט צום פֿאַשיסטישן באַאָבאַכטונג-

פונקט. נאָכ דעמ, ווי דער דריטער טאנק האָט פארלאָזט דאָס שלאכט-פעלד, האָט גאָרעל מיט עטלעכע זאלפנ ליקווידירט דעמ דייטשישנ מינענווארפער אונ האָט אריבערגעטראָגנ דאָס פייער אפ די אָנגרייפנדיקע פוסגייער.

ער האָט אויסגעשאָסנ אלע סנאריאדנ, בא הונדערט דרייסיק, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אינעמ טאנק. דערנאָכ, ווענ די „אריער" האָבנ געמאכט פלייטע, איז באָריס גאָרעל ארויסגעקראָכנ פונעמ טאנק אונ האָט אימ אופגעריסנ.

אזוי האָט דער יונגער כארקאָווער ארבעטער, דער באשיידענער יידישער באָכער באָריס גאָרעל צוגעדעקט מיטנ פייער פונ טראָפיי-טאנק דעמ צוריקמארש פונ זיינ באטאריי. דער רוסישער יאמ-מאנ, דער קוילנווארפלער זובקאָוו, האָט געהאָלפנ זיינ קאָמאנדיר. אזוי האָבנ זיי, די צוויי שווארציאמישע קריגער, ברידער לויטנ געווער, ברידער אינעמ קאמפ, — צוזאמענ געשלאָגנ די דייטשישע באנדיטנ.

# עלטערער גווארדיע-לייטענאנט לייב קודיש

באם קיִעווער דאָקטער דאָוויד קודיש אין דער היים איז אָפט באהאנדלט געוואָרן די פּראָבלעם וועגן דער צוקונפט פון דעם יינגערן זון לייב. לאנג האָט מען געטראכט, זיך איבערגעלייגט און ענדלעך באשלאָסן, אז ער וועט, ווי זיין עלטערער ברודער אווראָם, זיין אן אינזשעניער.

ליאָווע האָט בעשאָלעם געענדיקט די מיטלשול, איז אָנגעקומען אין קיִעווער אינדוסטריעלן אינסטיטוט, האָט זיך אויסגעצייכנט געלערנט. פון דריטן קורס איז ער אָבער אוועק און איז אָנגעקומען זיך לערנען אין דער העכערער מיליטערישער יאם-שול. אין 1939 האָט ער געענדיקט די שול אלס עלטערער לייטענאנט. מע האָט אים געשיקט אפן קרייסער „קראסני קאווקאז", וואָס האָט זיך דערנאָך ווייט און ברייט קוינע-שעם געווען מיט זיינע לעגענדארע מייסים, און וואָס האָט געעפנט דאָס רומפולע צעטל סאָוועטישע גווארדיע-שיפן.

אינעם שעם, וועלכן עס האָט פארדינט דער דאָזיקער קרייסער, האָט אויך לייב קודיש זיין כיילעק פארדינסטן.

ווען קודיש איז נאָר אָנגעקומען אפן „קראסני קאווקאז", האָט מען אים איבערגעגעבן די קאָמאנדע איבער איינעם פון די ארטילעריע-טורעמס. ער האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א פעיִקן ארטילעריסט, און מע האָט אים באשטימט אלס קאָמאנדיר פון דער ווייט-מעסטער-גרופע. זיין גרופע האָט אין 1942 פארנומען דאָס ערשטע

אָרט אינ שוואַרציאַמישנ פּלאָט, נאָר דעמ אָרדענ „רויטער שטערנ״ האָט דער לאַנגער, דאַרער, שטילער לייב קודיש, וואָס דערמאָנט גאַנצ אָפּט אינ א פּאַרמויִעכטנ יעשיווע-באָכער, פּאַרדינט דעריקער פּאַר זייַנ אָנטייל אינ די דעסאַנט-אָפּעראַציעס.

צומ ערשטנ מאָל האָט ער אָנטייל גענומענ אינ אַרויסזעצנ א דעסאַנט, נאָכ אינ די ערשטע כאָדאָשימ מילכאָמע, בא אָדעס. אינ דער געדיכטער נאַכט-פינצטערניש האָט ער דעמלט אפּ זייַנ באַרקאַס געמאַכט עטלעכע רייסנ, אַריבערוואַרפנדיק דעסאַנטלער פונ דעמ קרייסער אפּנ ברעג, וואָס עס האָבנ שוינ געהאַט פאַרנומענ די דייַטשנ אונ רומענער. יעדעס מאָל האָט זיכ אפּ זייַנ שיפל געשאָטנ א האָגל קוילנ פונ ביקסנ אונ קוילנוואַרפערס. בייַסנ לעצטנ רייס איז ער אָפּגעשווומענ פונ ברעג אונטערנ דונער פונ פּאַשיסטישע האַרמאַטנ. מע האָט געדאַרפט זייַנ א גוטער מייַסטער פונ מאַנעווירנ, קעדיי זיכ אויסצודרייענ פונעמ האָגל פייַנטלעכע סנאַריאַדנ. קיינ איינ מענטש אפּנ באַרקאַס, מיט וועלכנ עס האָט אָנגעפירט דער לייטענאַנט לייב קודיש, האָט ניט געליטנ. ווענ דער באַרקאַס איז אָבער געקומענ צומ אָרט, ווו ס׳איז פריִער געשטאַנענ זייַנ שיפ, איז שוינ דער קרייסער דאָרט ניט געווענ. דעמלט האָט דאָס שיפל אונטערנ פייַער פונ ווייַטשיסנדיקע פייַנטלעכע באַטאַרייעס, אונטער די באָמבעס פונ פּאַשיסטישע אַעראָפּלאַנענ זיכ דערקליבנ קיינ אָדעס. פונ דאָרט האָט מענ דעמ באַרקאַס גענומענ אפּנ בוקסיר אונ אוועקגעפירט צומ קינבורנער לאַנדפּאַס, פונוואַנענ ער האָט עוואַקויִרט אַרומגערינגלטע סאָוועטישע שלאַכטלייַט, דערנאָכ האָט ער זיכ אומגעקערט קיינ סעוואַסטאָפּאָל. קודישעס באַרקאַס איז געווענ איינער פונ די לעצטע, אויב ניט דער לעצטער (גרויסע שיפנ זייַנענ געשטאַנענ אפּנ רעיד), וואָס זייַנענ אוועק פונ די אַנקער-פּלעצער פונעמ אָדעסער פּאָרט באַמ עוואַקויִרנ די שטאָט.

אינ באַזונדערס שווערע באַדינגונגענ איז פאָרגעקומענ די באַרימטע

פעדאָסיער דעסאנט-אָפעראציע. „קראסני קאווקאז" האָט זיכ דעמלט אָפּגעשטעלט באמ מאָל פונעמ פּאָרט, וואָס איז נאָכ געווענ פארנומענ פונעמ קעגנער. עס איז געווענ א פינצטערע דעקאבער-נאכט, א שטארקער פראָסט. א בייזער ווינט האָט אָפּגעשטופּט דעמ קרייסער פונ מאָל. קודיש איז געווענ דער קאָמאנדיר פונ דער שווארט-קאָמאנדע. זייַנ בארקאס צוזאמענ מיט דער מאנשאפט האָט מענ אראָפּגעלאָזנ פונ דער שיפּ אינעמ שטורמישנ יאמ, וואָס האָט מאמעש געקאָכט פונ די אָפטע אויפרייַסנ פונ דייַטשישע סנאריאדנ און מינעס. אפנ בארקאס איז געווענ א קנויל שווערער שטאָלענער טראָס, דער אנדערער עק זייַנער איז געווענ אפנ שפּיל פונ דער שיפּ. אונטערנ ווילדנ געהודע פונ זיכ אויפרייַסנדיקע סנאריאדנ און מינעס, אונטערנ פייַפ פונ קוילנווארפער-רייענ איז קודיש מיט זייַנע יונגע ארויסגעשפרונגענ מיטנ עק טראָס אפנ אנקער-פּלאצ. פויזענדיק אפנ בויכ, האָבנ זיי אימ צוגעשלעפּט צו דער טשוהוגענער טומבע און ארופגעוואָרפנ אפ איר. איצט האָט דער קרייסער געהאט די מעגלעכקייַט צוגייַנ צומ ווענטל פונ אנקער-פּלאצ. קודיש האָט נאָכ דערנאָכ קימאט א מעסלעס נאָכאנאנד זיכ ארומגעדרייט הינ און צוריק איבערנ שטורמישנ יאמ, אויספילנדיק פאראנטוואָרטלעכע אופגאבעס פונ דער קאָמאנדשאפט. ער האָט געראטעוועט מענטשנ פונ די קאטערס, וואָס פייַנטלעכע סנאריאדנ און מינעס האָבנ אינ זיי געטראָפנ, האָט אריבערגעפירט אפ זייַנ פיצל שיפל א הארמאט (יאָ, א הארמאט! דאָס איז גאָר קיינ שפּאָס ניט).

שווערע אייַזקאלטע כוואליעס האָבנ יעדע רעגע פארגאָסנ זייַנ שיפל, און קודיש האָט צוזאמענ מיט זייַנע שלאכטלייַט אויסגעשעפּט דאָס וואסער מיט זייַנ שטאָלענער קאסקע. פארקאלייטע, הונגעריקע, האלב-טויטע פונ מידקייַט האָט זיי איינע פונ די שיפנ ארופגענומענ אינ דעמ מאָמענט, ווענ די גרעסטע אָפּטימיסטנ צווישנ זיי האָט זיכ געדוכט, אז אלצ איז פארפאלנ.

דאָס, וואָס קודיש מיט זײַנע קאָמאַנדע האָבן איבערגעלעבט און דורכגעמאַכט אין יענע שווערע שאָען, וואָלט געקענט דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ גאַנצער אוואַנטיור-דערציילונג. מיר האָבן געוואָלט הערן אַלץ ביזן סאָף און האָבן דעריבער איבערגעריסן אונדזער גע־שפּרעך מיט קודישן ביז אינדערפרי, קעדיי זיך דורכשמועסן באַ־ריכעס.

נאָך אַפּ מאָרגן האָב איך אַ גאַנצן טאָג אומזיסט אָפּגעוואַרט אַפּ קודישן אין מײַן קאַיוטע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַנאַכט האָט מען אים עקסטרע אַרויסגערופן פון דער שיף, קעדיי אָנטייל צו נעמען אין איינער זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכער אָפּעראַציע.

עס איז אַוועק סאַכאַקל אַ וואָך, און מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז די אָפּעראַציע איז דורך מיט דערפאָלג. אין איר, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט אָנטייל גענומען אויך לייב קודיש, דער עלטערער גוואַרדיע־לייטענאַנט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אינעם יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, אין דער שטאָט קיִעוו, אַפּ פּאָדאָל. דער דאָקטער קודיש האָט דעמלט געוויס ניט גע־טראַכט, אַז זײַן ייִנגל וועט זײַן אַ יאַם־אָפיצער אַן אַרטילעריסט און אַ ספּעציִאַליסט פון יאַם־דעסאַנטן.

דרײַ מעדאַלן: „פאַר פאַרטיידיקן אָדעס“, „פאַר פאַרטיידיקן סע־וואַסטאָפּאָל“ און „פאַר פאַרטיידיקן קאַווקאַז“ און דער אָרדען פון רויטן שטערן שײַנען אַפּ דער ברוסט באַ לייב קודישן, וואָס דער־מאָנט אַזוי אָן אַ שטילן און אַ ביסל דערשראָקענעם יעשיווע־באָכער.

# דער מאיאָר ניכאמינ פונ וויטעבסק

זײַנ פאָטער איז געווענ א שוסטער. געווױנט האָט ער אינ וויטעבסק לעבנ סוראזשער טראקט. זײַנ אײַנגעהויקערט הײַזל איז געשטאַנענ אינעם צווייטנ קראקעליעווער ליקל.

איכ בינ אויכ א וויטעבסקער, אונ איר קאָנט זיכ פאָרשטעלנ, ווי מיר איז געווענ אָנגענעמ זיכ טרעפנ אינ סעוואסטאָפּאָל מיט א לאנדסמאנ אונ דערצו נאָכ מיט א מענטשנ, וועלכער איז באַוווסט דעמ גאנצנ פלאָט.

אינ עטלעכע מינוט ארומ נאָכ אונדזער באגעגעניש האָב איכ שוינ געוווסט, אז דאָוויד ניכאמאנ איז געווענ א שלאָסער, האָט זיכ געלערנט אינ אנ ארבפאק, האָט געזאָלט אָנקומענ אינ א הויכשול, נאָר מ׳האָט אימ געשיקט אינ א פילאָטנ-שול. פאר איינ יאָר האָט ער פארענדיקט דעמ קורס, וואָס איז אויסגערעכנט אפ דרײַ לערנ-יאָר, אונ ווענ די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ, האָט שוינ ניכאמאנ, וועלכער איז נאָכ דעמלט ניט אלט געווענ קיינ פולע אכט אונ צוואנציק יאָר, אָנגעפירט מיט אנ עסקאדריליע. אינגיכנ איז זײַנ עסקאדריליע בארימט געוואָרנ מיט אירע שלאכט-מײַסימ. ווייניקער ווי פאר א יאָר צײַט האָט זי פארניכטעט העכער אכט צענדליק פײַנט-לעכע אעראָפּלאנענ, הונדערט פופציק אווטאָמאשינעס, זיבנ ארטילעריע-באטארייעס אונ אלײנ דערבײַ געהאט ביז גאָר קליינע פארלוסטנ.

ניכאמינ איז א געניטער קאָמאנדיר, א געוואגטער אונ הויכ-

קוואַליפֿיצירטער פּליִער. ניט אומזיסט האָט ער גראָד געעפֿנט דעם שלאַכט-כעזשבן פֿון דער עסקאַדריליע — אַראָפּגעשלאָגן דעם ערשטן פֿאַשיסטישן אַעראָפּלאַן.

גרויס איז ניכאַמינס כעזשבן מיט די פֿאַשיסטישע באַרבאַרן. זיי האָבן כאָרעוו געמאַכט זײַן היימשטאָט, פֿאַרמוטשעט זײַן פֿופֿצן-יאָריקן ברודער וואָלאָדיע, זײַן זעכצניאָריקע שוועסטער רימע, האָבן אים צעשיידט מיט זײַן יונגער פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט באַוויזן זײַן צוזאַמענן בלויז איין טאָג, ווײַל אויף מאָרגן נאָך דער כאַסענע האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע.

דרײַ מאָל האָבן די דײַטשן זײַן אַעראָפּלאַן אַראָפּגעשלאָגן, און ער האָט זיך יעדעס מאָל נאָך מיט מער צאָרן געריסן אין שלאַכט. דאָס ערשטע מאָל האָט עס געטראָפֿן בײַ פּערעקאָפּ, בעת ער האָט געשטורעמט אַ טאַנקען-קאָלאָנע. ניכאַמין האָט פֿונדעסטוועגן באַוויזן צו פֿאַרניכטן צוויי טאַנקען, דערנאָך האָט ער אויף אַ צעשעדיקטן אַעראָפּלאַן דורכגעמאַכט בײַ 150 קילאָמעטער און בעשאָלעם זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן אַעראָדראָם. דאָס צווייטע מאָל, אויך בעשאַסן שטורעמען און אויך איבער פּערעקאָפּ, האָט אַ שפּליטער פֿון אַ סנאַ-ריאַד געטראָפֿן אין מאָטאָר, נאָר אויך דאָס מאָל איז אַלץ דורכגעגאַנגען בעשאָלעם.

דאָס דריטע מאָל איז עס צוגעגאַנגען אַ סאַך טראַגישער. וויאַזוי ניכאַמין האָט זיך געהאַלטן פּאָנעם-על-פּאָנעם מיט דער טויט-געפֿאַר איז קעדײַ צו באַשרײַבן.

דאָס איז פֿאָרגעקומען דעם אַכטן יוני 1942, אינעם לעצטן כוי-דעש פֿון פֿאַרטיידיקן סעוואַסטאָפּאָל. ניכאַמין מיט נאָך דרײַ אַעראָ-פּלאַנען פֿון זײַן עסקאַדריליע זײַנען יענעם טאָג אַרויסגעפֿלויגן צו באַראַזשירן איבער דער ליניע פֿונעם פֿראָנט, וואָס האָט אַרומגע-גאַרטלט דעם העראָישן סעוואַסטאָפּאָל. אויף אַ הייך פֿון טויזנט מעטער האָט ניכאַמין דערהערט דורכן ראַדיאָ-טעלעפֿאָן:

— ניכאמינ, ניכאמינ, ס'רעדט יומאשעוו! איבער אינקערמאנ אפ א הייכ פונ 4500 מעטער קומט פאָר א לופט-שלאכט. פלי צוהילפ.

דאָס האָט גערעדט דער קאָמאנדיר פונעם גווארדייִשנ אוויִא-פאָלק דער העלד פונ סאָוועטנפארבאנד פאָלקאָווניק יומאשעוו.

ניכאמינ צוזאמענ מיט זײַנע פליִער האָט זיכ טייקעפ א טראָג געטאָנ ארויסהעלפנ די כאוויירימ. דאָס איז געווענ א שלאכט קעגנ איבערוועגנדיקע קרעפטנ פונעמ קעגנער. ניכאמינ האָט זיכ ארײַנגע-ריסנ אינ דער סאמע געדיכטעניש פונ די „מעסערשמידטנ" אונ איז געבליבנ איינער קעגנ דרײַ קעגנער. איינעמ האָט ער אונטערגעקלאפט פונעמ קוינלוּוארפער. נאָר אינ ברענ פונ דער שלאכט האָט ניכאמינ באמערקט, אז די צוויי אנדערע „מעסערשמידטנ" פיקירנ אפ אימ. די פאשיסטישע קוילנ האָבנ דורכגעשלאָגנ דעמ בענזינ-באק פונ זײַנ מאשינ. עס האָט א שפאר געטאָנ בענזינ אונ פארגאָסנ ניכאמינענ פונ קאָפ ביז די פיס. דער בענזינ האָט אימ א זעצ געטאָנ אינ פּנ-נעמ. דער עראָפלאנ האָט זיכ אָנגעכאפט. ביכלאל וואָלט ער באַ-דארפט פארלאָזנ דעמ עראָפלאנ אונ ארויסשפרינגענ מיט א פארא-שוט. נאָר ניכאמינ האָט געוואָלט ראטעווענ דעמ עראָפלאנ. ער האָט אָנגעבויגנ די מאשינ אפ א פליגל, שנעל זיכ דערלאנגט א גליטש אראָפ אונ אזויארומ פארקלענערט דעמ פלאמ. פיר הונדערט מעטער פונ דער ערד האָט דאָס גליטשנ אופגעהערט, אונ דער עראָפלאנ האָט ווידער אופגעפלאקערט אונ צוזאמענ מיט אימ אויכ ניכאמינ. איצט איז שוינ געווענ קלאָר, אז ראטעווענ דעמ עראָפלאנ וועט זיכ ניט אײַנגעבנ. ניכאמינ האָט אליינ א פלאקערנדיקער זיכ ארויס-געוואָרפנ פונ דער ברענענדיקער מאשינ. פונ אויבנ האָט אינ זײַנ פאראשוט געשאָסנ א פיקירנדיקער „מעסערשמידט", נאָר ניכאמינס כאוויירימ האָבנ אימ פארטריבנ. איצט האָט ניכאמינענ גערדראָעט א נײַע, אונ קלאל ניט קיינ קלענערע געפאר: עס האָט אימ געטראָגנ צו די פעלדנ, דאָס האָט באַטײַט — זיכערנ טויט. אָנגעשטרענגט זײַנ



מאַיאָר ד. יע. ביכאַמינ

גאנצנ ווילנ ניט צו פארלירנ דעם באוווסטזײַנ איבערנ שרעקלעכנ ווייטעק, האָט דער פּליִער, אײַנגאנצנ אינ פײַער, ארויסגעצויגנ אלע שנורנ פונעמ פּאראשוט אונ איז מיט א גרויסער שנעלקײַט ארײַנגעפאלנ אינ דער בוכטע, פונוואנענ ס׳האָבנ אימ ארויסגעראטעוועט רויטפלאָטלער. אינ מעשעכ פונ דער גאנצער צײַט, וואָס ער איז געפאלנ, אונ ביז מע האָט אימ געראטעוועט, האָבנ זײַנע כאווײרימ, די פּילאָטנ, געיאָגט פונ דעמ דאָזיקנ ראיאָנ די פײַנטלעכע אעראָפּלאנענ, פארטיידיקנדיק זייער באליבטנ קאָמאנדיר.

ניכאמינ האָט אויסגעזענ שוידערלעכ. זײַנ פּנעמ איז פארקוילט געוואָרנ אונ איז ענלעכ געווענ אפ א מעשונעדיקער מאסקע. פונדערווײַטנס האָט זיכ אויסגעדוכט, אז בא אימ איז פּלוצלינג אויסגעוואקסנ עפּעס אנ אויסטערלישע באָרד. נאָר ווענ מע איז צוגעגאנגענ נעענטער, האָט מענ געזענ, אז ס׳איז ניט קיינ באָרד, נאָר פארשוואָלנ אונ פארסארפּעט פלייש.

— נישקאָשע, — האָט ניכאמינ געזאָגט, קומענדיק צו זיכ, — מיר וועלנ נאָכ פּליִענ.

קיינער האָט אימ, פארשטייט זיכ, ניט דערווידערט, נאָר קנאפּ ווער ס׳האָט געגלייבט אינ דעמ.

אינ א כאדאָשימ דרײַ ארומ נאָכ דער אוואריע האָב איכ אימ באזוכט אינ שפּיטאָל. ניכאמינ איז געווענ פריילעכ, געזונט, האָט געשפּאסט. אינ עטלעכע טעג ארומ האָט ער שוינ געדארפט זיכ אויסשרײַבנ, אונ נאָר א שווארצ קענטעלע איז אימ געבליבנ אפנ האלדז, אפ יענעמ אָרט, ווו צווישנ דעמ לעדערנעמ העלמ אונ דעמ קאָלנער פונעמ קאָמבינעזאָנ בלײַבט א שמאָל פּאסיקל ניט פארשטעלט לײַב.

ער האָט מיר דערציילט וועגנ זײַנע פּלענער פונ ווײַטערדיקער שלאכט-ארבעט.

— מיר וועלנ נאָכ פּליִענ, מיר וועלנ נאָכ ווײַזנ די דײַטשנ, ווו שווארצער פּעפּער וואקסט, — האָט ער מיר געזאָגט באמ געזעגענענ זיכ.

ניט לאנג האָב איך דערזען אין דער צײַטונג „קראסנאָפלאָטעצ" ניכאמינס פאָטאָגראפיע. מיר ווילט זיך פארענדיקן מײַן דערציילונג וועג אים מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס זײַנען אונטערגעשריבן אונטער דער פאָטאָגראפיע:

„פון דעם ערשטן טאָג אָן פון דער פאָטערלענדישער מיל-כאָמע קעמפט אפן פראָנט דער שווארציאמישער פליִער דער פארניכטלער דער גווארדיע-מאיאָר דאוויד יעפימאָוויטש ניכאמין. ד. יע. ניכאמין האָט פערזענלעך אראָפגעהאקט צוועלף דײַטשי-שע עראָפלאנען, האָט אָנטייל גענומען אין די שלאכטן פאר אָדעס, סעוואסטאָפאָל, נאָוואָראָסיִיסק, טאמאן, קערטש, פערעקאָפ.

פארן אויספילן דערפאָלגרײַך די אופגאבעס איז דער גע-וואגטער פליִער און דערפארענער קאָמאנדיר באלוינט מיט א לענין-אָרדען, מיט א סוואָראָוו-אָרדען, מיט צוויי אָרדענס פון דער רויטער פאָן, מיט די מעדאלן „פאר פארטיידיקן אָדעס", „פאר פארטיידיקן סעוואסטאָפאָל" און „פאר פארטיידיקן קאווקאז".

## קאוואלער פונעם נאכימאָוו־אָרדען

בא אונדז, אינעם שווארציאמישן פלאָט, איז דער ערשטער שיפּ־קאָמאנדיר, וואָס האָט באקומען דעם נאכימאָוו-אָרדען, געווען דער קאפּיטאן-לייטענאנט גריגאָרי קאָקא. צו יענער צײַט האָט ער שוין געהאט אן אָרדען „רויטע פאָן“ און דרײַ מעדאלן: „פאר פארטיידיקן אָדעס“, „פאר פארטיידיקן סעוואסטאָפּאָל“ און „פאר פארטיידיקן קאווקאז“. מע וואָלט געקאָנט א היפּש ביסל דערציילן וועגן יעדערער פון אָט די באלוינונגען.

דעם אָרדען „רויטע פאָן“, אשטייגער, האָט קאָקא באקומען פאר אָפּקלאפּן א פארביטערטן אָנפאל פון פײַנטלעכע פּיקירער, בײַם זײַן שיף האָט זיך געפונען אפ א מינען-פעלד. ער האָט זיך פון די באָמבעס אויסגעדרייט אפ א שמאָל פּאסיקל וואסער, וואָס ער האָט געהאט אָפּגעריייניקט פון מינעס. פון אויבן האָבן אים געדראָעט באָמבעס, פון אונטן האָבן אפ אים געלויערט מינעס. מע האָט גע־דארפט האָבן א היפּש ביסל געוואגטקײַט, געניטקײַט און קאלט־בלוטיקײַט אָפּצוקלאפּן אין אזעלכע באדינגונגען די אטאקעס פון די לופט-פּיראטן און אײַנצוהיטן די שיף. פאר דעם און אויך פאר קאָנ־וואָירן פינף און זעכציק מיליטערישע און סאניטארע טראנספּאָרטן אָן שום פארלוסטן האָט מען טאקע דעם קאָמאנדיר קאָקא, ווי געזאָגט, באלוינט מיטן אָרדען „רויטע פאָן“.

די געשיכטע אָבער פונ זײַנ נאַכימאָװ-אָרדענ איז גאָר אַ קאַפּיטל פאַר זיכ. אַפילע אינ דער כראָניק פונ די שלאַכטנ אַפנ שװאַרצנ יאַם, װאָס איז אַזױ רײַכ מיט העלדנטאַטנ, טרעפט מענ אַזעלכע געשיכטעס זייער זעלטנ. דעריבער װעל איכ ניט דערצײלנ װעגנ דעם, װיאַזױ דער זונ פונ אַ מעיושעװדיקנ ניקאָלײַעװער ייִדנ, אַ בוכהאַלטער, איז געקומענ צו דער קאַריערע פונ אַ סאָװעטישנ יאַם-אָפיצער, נאָר כ׳װעל גלײַכ אָנהײבנ פונ זײַנ העלדנטאַט, פאַר װעלכנ ער האָט, דער ערשטער צװישנ די קאָמאַנדירנ פונ די שװאַרציאַמישע שיפנ, באַקומענ די הויכע באַלױנונג — דעם נאַכימאָװ-אָרדענ.

דעם זיבעצנטנ יונ 1942, אינעם סאַמע ברענ פונ די שלאַכטנ פאַר סעװאַסטאָפּאָל, האָט דער שנעל-טראַלער „האַרפונ", מיט װעלכנ עס האָט אָנגעפירט גריגאָרי קאָקאַ, זיכ געפונענ אינ סעװאַסטאָפּאָל, אינעם האַפנ: אַרגאָלנאַיאַ.

די שיפ איז געװענ פאַרמאַסקירט מיט ברעזענט און צװײַגנ. גײנ איבערנ אויבערדעק איז געװענ שטרענג פאַרבאָטנ — די דײַטשישע פליִער זאָלנ ניט דערזענ. אַלצ איז אָבער גרײט געװענ צו העלפנ דעם פראָנט מיט אַרטילעריע-פײַער און דורכפירנ, באַגלײטנ און אַרויסבאַגלײטנ שיפנ און טראַנספּאָרטנ איבער די פאַרװאַטערנ אינ די מינענ-פעלדער. אַלצ איז גרײט געװענ צומ קאַמפּ מיט די אַװאַריעס, װאָס האָבנ אינ יענע גרויזאַמע טעג יעטװידע רעגע געקאָנט פאָרקומענ אַפ דער שיפ.

װי נאָר עס האָט אָנגעהויבנ שאַריִענ אַפ טאָג, האָט דער קעגנער גענומענ פאַרשיטנ די האַפנס און די שטאָט מיט אַ האָגל האַרמאַטנ-קוילנ. פונ גאַנצ פרי אָנ האָבנ איבער דער באַזע אַפ אַ הײכ פונ 300—500 מעטער זיכ פרעכ אַרומגעדרײט זעקס קאָרעקטירעראָפּלאַנענ „הענשעל—126". צײַטנװײַז פלעגנ זײ זיכ באַװײַזנ איבערנ „האַרפונ". „יונקערסנ", באַגלײט פונ „מעסערשמידטנ", פלעגנ זיכ גרופּעסװײַז — פונ אַכטנ ביז פערציק אַעראָפּלאַנענ — יעדע רעגע באַ-

ווײַזן איבערן האפן און באָמבירן דעם נ-ער זאוואָד. „הארפון“ איז געשטאנען פארשווארטעוועט ניט ווײַט פונעם דאָזיקן זאוואָד — א מעטער הונדערט. זײַנע הארמאטן און קוילנווארפערס האָבן אָבער געשוויגן, קעדיי ניט צו דעמאסקירן די שיף. קאָקא האָט זיך די גאנצע צײַט געפונען אפן בריקל. ער איז געלעגן אפן רוקן, פארלייגט די הענט אונטערן קאָפּ. שטיין האָט מען ניט געטאָרט: א דײַטשישער עראָפּלאן האָט געקאָנט באמערקן.

עטלעכע דײַטשישע סקוואדרילן האָבן געטראָפן אין די אנגארן פונעם נ-ער זאוואָד, און זיי האָבן זיך אָנגעצונדן. נײַן „יונקערס“ האָבן פּיקירט און אראָפּגעוואָרפן זייערע באָמבעס אף די פלאקערנדיקע געבײַדעס. דאָט פײַער האָט זיך פארשטארקט.

עס זײַנען ניט אריבער קיין צען מינוט, ווי אנדערע נײַן „יונקערסן“ האָבן אָנגעהויבן פּיקירן צו דער שיף. די ערשטע באָמבע איז געפאלן לעבן באָרט. קאָקא האָט דערהערט דעם פײַף פון דער צווייטער באָמבע. פלוצעם איז דער פײַף אנשטומט געוואָרן — די באָמבע האָט, ווײַזט אויס, געטראָפן אין דער שיף. קאָקא האָט זיך אופגעהויבן אף אלע פיר, געוואָלט ברענגען אין באוועגונג דעם אליארעם-גלאָק, נאָר פון דעם זעץ פון א לופט-כוואליע איז ער געבליבן ליגן אָן באוווסטזײַן. געקומען צו זיך איז ער פונעם רויש פון אן עראָפּלאן, וואָס האָט געהאלטן אין ארויס פון פּיקירונג. קאָקא האָט מיט פארוווּנדערונג דערזען, אז ער ליגט אפן אנקערפלאץ. אפּאָנעם, ווען דאָס בריקל האָט זיך אָנגעבויגן, איז ער אהין אראָפּגעפאלן. ארום און ארום — אפן וואסער, אפן ברעג, אפן ברענענדיקן זאוואָד — האָבן זיך קעסיידער געריסן באָמבעס. די שיף איז שוין געווען א מעטער פופצן פונעם ווענטל: א באָמבע האָט איבערגעהאקט דעם קאנאט, און דער פלאקערנדיקער טראלער האָט זיך געטראָגן צום קעגנאיבערדיקן ברעג פון דער בוכטע. קאָקא האָט זיך געלאָזט אף א קליינ שיפל צו זײַן ברענענדיקער שיף.

— לעשן דאָס פֿײַער! ארויספּאָמפּען דאָס וואסער פֿון די פֿאַר־טרונקענע ערטער! ראַטעווען אונדזער טראַלער!

צוויי שאָ מיט פֿינף און פֿערציק מינוט האָבן דײַטשישע אעראָ־פּלאַנען באָמבירט די שיף און באַשאָסן זי פֿון האַרמאַטן און קוילן־וואַרפֿערס. זיי האָט זיך אָבער ניט אײַנגעגעבן זי צו דערטרינקען, און — דער איקער, זיי האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אײַנצוברעכן דעם קאַמפּס־גײַסט פֿונעם קאָמאַנדיר און פֿון דער מאַנשאַפֿט. מע האָט ניט געטראַכט וועגן די באָמבעס, מע האָט ניט געהערט דעם דונער פֿון די אויפֿרײַסן, מע האָט אפילו פֿאַרגעסן, אַז מע דאַרף זיך אײַנ־בייגן, ווען קוויטשענדיק פֿליִען פֿאַרבײַ שפּליטערס און גרויסקאַלי־בערדיקע קוילן.

דער באַצמאַן קאָראָבקין האָט צוגעפּויזעט צום פֿלאַקערנדיקן האַלב-באַק. עס האָבן זיך געריסן און געפּלאַקערט די סנאַריאַדן, וואָס זײַנען געלעגן לעבן דעם האַרמאַט אַפֿ דער נאָז פֿון דער שיף. אין אַלע זײַטן זײַנען געפֿלויגן די קוילן פֿון די ברענענדיקע קוילן־וואַרפֿער-לענטעס. קאָראָבקין האָט נאָך באַוויזן אַראָפּצוּוואַרפֿן אין וואַסער אַ טייל שלאַכט-מאַטעריאַלן. אַלץ אַראָפּצוּוואַרפֿן האָט אָבער קיין צײַט ניט געקלעקט: יעדע רעגע האָט זיך געקאָנט אויפֿרײַסן דער סנאַריאַדן-קעלער, וואָס האָט זיך געפֿונען בא דער נאָז פֿון דער שיף, און צוזאַמען מיט אים אויך די גאַנצע שיף. מיט איבער־מענטשלעכער קראַפֿט און אַקשאָנעס האָט קאָראָבקין מיט אַ האַק אָנגעהויבן דורכהאַקן דעם סאַרפֿעדיקן אײַזערנעם אויבערדעק. ער האָט אים ענדלעך דורכגעהאַקט, פֿאַרגאָסן מיט דער הילף פֿון אַ שלאַנג דעם קעלער, און אַזויאַרום געראַטעוועט די שיף און איר גאַנצע מאַנשאַפֿט פֿון אומפֿאַרמײַדלעכן אומקום.

די ערשטע באָמבע האָט געטראָפֿן אין „האַרפּון“ זעקס אַזייגער אין אָוונט. אַרום צוויי אַזייגער באַנאַכט האָט זיך אײַנגעגעבן צו ליקווידירן די סרייפֿע.

אָבער ווײ, ווי עס האָט איצט אויסגעזעג די געראטעוועטע שיפ. אנ איבערגעבראָכענער אפ העלפט, האָט געסטארטשעט דער פּאָק-מאסט-בוימ. איבערנ צעקארדאטשעטנ אויבערדעק האָט זיכ געהויבנ דער שווארצער סילועט פונעמ צעקאליעטשעטנ הויפּט-הארמאט. פונעמ האלב-באק איז גאָר ניט געבליבנ כוץ א בערגל אש פונ די אָפּגעברענטע קאיוטעס. עס איז פארברענט געוואָרנ דאָס בריקל, עס זײַנענ צעשמאָלצנ געוואָרנ פונ היצ די דיוראליומיניום-ווענטלעכ. דרײַ באָמבעס האָבנ געטראָפנ דירעקט אינעמ קאָרפּוס פונ דער שיפ אונ האָבנ אימ אינגאנצנ צעשעדיקט. דאָס געווער איז פארניכטעט געוואָרנ. דאָס פײַער אונ די אופרײַסנ האָבנ טיל-טעל געמאכט פונ א באדײַטנדיקנ טײל וויינ-קאיוטעס. די מאשינעס אונ די עלעקטרע-אויסשטאטונג זײַנענ אינ א סאכ ערטער געווענ דורכגעלעכערט פונ שפּליטערס. דאָס ערגסטע איז אָבער געווענ, וואָס עס זײַנענ קאליע געוואָרנ די עלעקטרישע רודער-אפּאראטור אונ די קאָמפּאס-אינסטאליאציע.

מע האָט טײקעפּ געמוזט שטעלנ די שיפ אפ קאפּיטאלנ רעמאָנט. אינ סעוואסטאָפּאָל איז עס געווענ אומעגלעכ. דער יאמ-זאוואָד איז שוינ לאנג געווענ עוואקויִרט. יעדע רעגע האָבנ פײַנטלעכע אעראָפּלאנענ געקאָנט אָנפליִענ אונ ענדגילטיק אומברענגענ דעמ טראלער, וואָס האָט זיכ נאָר אלפּי נעס געהאלטנ אפנ וואסער. אונ פונ דער קאָמאנדשאפט איז געקומענ א באפעל: נאָכ הײַנט מיט די אײגענע קויכעס זיכ אוועקלאָזנ צומ קאווקאזער ברעגלאנד.

א פּערטל צוועלפ באנאכט האָט א בוקסיר ארויסגעפירט די צעקאליעטשעטע שיפ הינטער די באָנ-פארצאמונגענ, וואָס האָבנ פארשטעלט דעמ ארײַנגאנג אינ האפנ. אפנ „הארפונ" האָט מענ וויניט-איז פארלאטעט די צעשעדיקונגענ אינעמ קאָרפּוס אונ אינ מאשינ-אָפּטײל. אָנשטאָט די קאליע געוואָרענע הארמאטנ אונ קוילנווארפערס האָט זיכ אײַנגעגעבנ אײַנצושטעלנ א פינפ-אונ-פערציק-מילימעטערדיקנ

הארמאט און צוויי קוילנוואַרפֿערס, וואָס מע האָט אַראָפּגענומענ פונ א דערטרונקענער שיפּ. די רודער-מאשינ האָט מענ צוגעגרייט צו האנט-פירונג, די שיפּ האָט אָבער דעם רודער ניט געפאָלגט. געוויינלעכ פלעגט זיכ מיט דער האנט-פירונג אנ אייצע געבנ איינ מענטש. איצט זיינענ דריי וויטפלאָטלער געשטאנענ ביזנ גארטל אינ וואסער אינעמ האלב-פארטרונקענעמ רודער-אָפּטייל און האָבנ קוימ איבערגעשטעלט דעם שטורוואל. דער מאגנעט-קאָמפּאס, וועלכנ מע האָט אוועקגעשטעלט אינ דער רומפּעל-אָפּטיילונג, האָט געפעלשט. ער איז מיט קיינ זאכ ניט געווענ איזאָלירט פונעמ אייזנ, וואָס האָט אימ פונ אלע זייטנ ארומגערינגלט. קאָקא האָט אָבער קיינ שום אויסוועג ניט געהאט: דעמ באפעל פונ דער קאָמאנדשאפט האָט מענ געדארפט אויספילנ. נאָר אזוי האָט מענ געקאָנט ראטעווענ די שיפּ פאר ווייטערדיקע שלאכטנ קעגנ דעמ פארהאסטנ סוינע.

ווי לאנג איז א דאָרעמדיקע יונ-נאכט? מע האָט זיכ געדארפט צוויילנ, מע זאָל באוויינ וואָס ווייטער אוועקגיינ, ביז עס וועט נעמענ טאָגנ.

קאָקא האָט זיינ שיפּ געפירט מיט דער גאנצער מעגלעכער שנעלקייט איבער דער מינירטער זאָנע, אָריענטירנדיק זיכ לויטנ ברעג, וואָס האָט זיכ קוימ געזענ אינ נאכטיקנ כוישעכ. ארויס פונ דער זאָנע מינענ-פארצאמונגענ, האָט ער שארפ א קערעווע געטאָנ אפ דאָרעמ. פאר א קאָמפּאס האָט אימ געדינט דער פּאָליאר-שטערנ. אפילע אינ די אוראלטע צייטנ האָבנ די יאמלייט געהאט מער פולקומע אינסטרומענטנ ווי די, מיט וועלכע עס האָבנ זיכ געמוזט באנוגענענ בייס זייער טראגישנ רייס קאָקא און זיינ שטורמאנ. פאר ניט קיינ פאכמאנ וועט וויניק וואָס זאָגנ אי דער נאָמענ אי די באשרייבונג פונ דעמ דאָזיקנ פרימיטיוונ אינסטרומענט. ס'איז גענוג צו זאָגנ, אז געמאכט האָט מענ אימ אינ מעשעכ פונ עטלעכע מינוט פונ א שטיקל געוויינלעכנ קארטאָנ.

די ערשטע עטלעכע שאָ איז אלצ געגאנגענ קעשורע. פינפ

אזייגער אינדערפרי האָט דער באָבאַכטער דערזען אַן אויסשפּירער־עראָפּלאַן „הענקעל—113". קאָקאַ האָט דערקלערט אַ לופט־אַליאַרעם. אין פופצן מינוט אַרום האָבן זיך באַוויזן אַ זעכצן, זיבעצן דייַטשישע פּיקירער. זיי זייַנען געגאַנגען אין אַטאַקע איינציקווייַז, מיט דער באַטראַכטקייַט און מעטאָדישקייַט פון פּראָפעסיאָנעלע מערדער, ווען זיי האָבן צו טאָן מיט אַ שוצלאָזן קאָרבן. בייַסן ערשטן פּיקירן האָבן זיי קיין באָמבעס ניט געוואָרפן. זיי האָבן בלויז דערלערנט, וויאַזוי די שיף וועט מאַנעווירן באַם אויסדרייען זיך פון די באָמבעס. דערנאָך האָבן זיי פאָרגענומען אַ צווייטע אַטאַקע. דאָס מאָל האָבן זיי שוין באָמבארדירט און, אַרויסגייענדיק פון פּיקירונג, באַשאָסן די שיף פון זייערע האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס. אַ רעגע פלעגן זיי פאַרשווינדן אין דער טונקלער זייַט האָריזאָנט, דערנאָך ווידער זיך אומקערן און איינסצענירן אַ צוגרייטונג צו אַן אַטאַקע. אינדערעמעסן האָט בייס־מייַסע גאָר פּיקירט אַ צווייטער עראָפּלאַן, וואָס איז צוגעגאַנגען פון דער זוניקער זייַט.

נאָך די ערשטע דרייַ באָמבעס, וואָס זייַנען געפאַלן לעבן באָרט, זייַנען צעשעדיקט געוואָרן דער האַרמאַט און ביידע קוילנוואַרפערס. עמעס, איינער פון זיי האָט נאָך געקאָנט מאַכן איינצלנע שאָסן. כוץ דעם, האָט פון דער איין־און־איינציקער ביקס, וואָס איז געבליבן אָפן „האַרפּון", באַשאָסן די פּיקירנדיקע עראָפּלאַנען דער ווינטפלאָטלער טיכאָנאָוו. נאַטירלעך, אַז קיין גרויסן שאָדן האָט דאָס זיי ניט געקאָנט ברענגען.

די פאַשיסטישע פליִער זייַנען געוואָרן אַלץ פרעכער. פילנדיק זייער אַבסאָליוטע אומבאַשטראָפטקייַט, האָבן זיי פּיקירט אַזוי נידעריק, אַז אָפ דער שיף האָט מען געזען, ווי די באָמבע טיילט זיך אָפ פונעם עראָפּלאַן, מע האָט אפילו געזען איר פאַרב, געזען, ווי דער פליִער דראָעט מיט דער פויסט, מאַכט כויזעק איבער דער שוצלאָזיקייַט פון דער צעקאַליעטשעטער שיף.



לייטענאנט גריגאָרי קאָקא

איצט, ווענ די שיפ האָט שוינ קיינ אנדער שוצ ניט פארמאָגט, איז איר רעטונג געווענ אָפּהענגיק פונ דעמ, צי וועט זי קאָנענ מאנעווּרירנ, צי וועט דער קאָמאנדיר באוויזנ צו דער צייט באמערקנ די אטאקע פונעמ פּיקירער, אונטערשיידנ אנ אינסצענירטע אטאקע פונ אנ עמעסער, טרעפנ דעמ מאָמענט, ווענ די באָמבע רייסט זיכ אָפּ פונעמ אעראָפּלאנ, אונ געבנ די נייטיקע אָנווייזונג די רודערער. דאָס אלצ איז גאָר ניט קיינ לייכט שטיקל ארבעט אפילע אפ ניט קיינ צעשעדיקטער שיפ. הייגט אפ וויפל שווערער איז געווענ צו מאנעווּרירנ מיט א שיפ אָנ עלעקטרישער רודער-פירונג! קיינ מאשינ-טעלעגראפ איז שוינ אויכ ניט געווענ, אונ דער באפעל האָט דאָכ געמוזט דערגיינ צו די רודערער צו דער צייט. אונ ארומ פייפנ באָמבעס אונ רעווענ מאָטאָרנ פונ די פּיקירנדיקע אעראָפּלאנענ!

אונ דאָכ האָט קאָקא זיכ ניט פארלאָרנ אינ אָט דעמ גענעמ אונ האָט אזוי מייסטערהאפט מאנעווּרירט, אז קיינ איינ באָמבע האָט ניט געטראָפנ אינ זיינ שיפ.

אינגיכנ האָט זיכ די רויטפלאָטלער איינגעגעבנ, אונטערנ פייער פונ די אעראָפּלאנענ, צורעכט צו מאכנ ביידע קוילנוואָרפערס, אונ ווידער האָבנ די פאשיסטישע לופט-פּיראטנ באגעגנט אפ זייער וועג א האָגל גרויסקאליבערדיקע קוילנ.

אומגעהייער שווער איז געווענ די, וועלכע האָבנ זיכ בייס דער דאָזיקער שוידערלעכער צווייקאָמפּקער שלאכט געפונענ אויבנ. ניט לייכטער איז אָבער געווענ אויכ יענע, וואָס האָבנ אינ אָט דער צייט געארבעט אונטנ, אינ מאשינ-אָפּטייל, אונ געזיכערט די ארבעט פונ די מאשינעס אונ דאָס שנעלע מאנעווּרירנ. פונ די גאז-רערנ האָט זיכ בייס דער באָמבארדירונג אראָפּגעשאָטנ דער אסבעסט. פונ די הייסע גאזנ זיינענ זיי איצט געוואָרנ רויט אונ אָנגעגליט. פונ די סאָליאר-טרויבנ, דורכגעהאקטע אונ פארבונדענע מיט שמאטקעלעכ, האָט יעדע רעגע ארויסגעשפּריצט דער סאָליאר. די טראָפּנס זיינענ

געפאלנ אפ די צעגליטע גאז-טרויבנ, אונ עס פלעגט אָנהייבנ ברענענ. די סרייפעס האָט מענ געלאָשנ, אפ קיינ איינ רעגע ניט איבעררייסנדיק די ארבעט בא די מאשינעס. שפליטערס האָבנ געהאט צעלעכערט דעמ קאָלעקטאָר פונ דער רעכטער מאשינ, אונ די אָפגעארבעטע גאזנ זײַנענ געבליבנ אינ מאשינ-אָפטייל. מע האָט געמוזט ארבעטנ אינ גאז-מאסקעס.

מיט ווילדער רעציכע האָבנ די פאשיסטישע פילאָטנ זיכ געוואָרפנ אפ דער שיפ. נאָר עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפנ. דערטרינקענ זי האָבנ זיי ניט געקענט. איבער דער העלדישער שיפ האָט שטאָלצ געפלאטערט דער קריגס-יאמישער פלאג פונעמ סאָוועטנפארבאנד. אונ ווענ א פארפליגענער שפליטער האָט געהאט אראָפגעוואָרפנ דעמ פלאג אפנ אויבערדעק, האָט קאָקא באפוילנ אימ טייקעפ אופ-הייבנ. אונ כאָטש ארומ האָט געבושעוועט א ווילד פײַער, האָט דער באָצמאנ קאָראָבקינ אופגעהויבנ דעמ פלאג אונ אימ פארפעסטיקט אפנ פלאגשטאָק.

ענדלעכ האָט זיכ בא די פײַנטלעכע אעראָפלאנענ אויסגעלאָזנ דער זאפאס באָמבעס אונ סנאריאדנ. זיי זײַנענ אוועקגעפליגנ אפ זייערע באזעס. צוויי אעראָפלאנענ האָבנ זיכ נאָכ דרײַ לאנגע שאָ נאָכאנאנד געדרייט איבערנ „הארפונ”, ביז עס האָט זיכ ניט באוויזנ דער אנאטאָליער ברעג. דעמלט זײַנענ אויכ די דאָזיקע צוויי אוועקגע-פליגנ.

קאָקא האָט גענומענ דעמ קורס אפ אונדזער קאווקאזער ברעג-לאנד. דער מאנשאפט פונ „הארפונ” איז נאָכ א סאכ אויסגעקו-מענ אויסצושטיינ, ביז זי האָט זיכ דערקליבנ צו אונדזער ברעג. אלנפאלס האָבנ ניט דער קאָמאנדיר פונ שיפ, ניט קיינ איינ מענטש פונ דער מאנשאפט ניט געהאט קיינ מינוט אָפרו, ביז „הארפונ” איז נאָכ פינפ אונ דרײַסיק שאָ גאנג ארײַנ אינעמ האפנ טואפסע.

— מיר האָט א ציגײַנערן געזאָגט, אז כ'וועל לעבן נײַנציק יאָר, — האָט זיך קאָקא געכאָכמעט, בײַס זײַנע שלאכט־פרײַנט האָבן אים אָפּגעגעבן מאזלטאָוו און באגריסט מיט דערפאָלג.

ער האָט אָפּגעוואשן דאָס פארייכערטע פּאָנעם, אפילע ניט אָפּגעגעסן ווי געהעריק — עסן האָט זיך ניט געוואָלט, כאָטש ער האָט פון סעוואסטאָפּאָל אָן אין מויל ניט געהאט — און זיך געלייגט שלאָפן. געשלאָפן איז ער נײַן און צוואנציק שאָ נאָכאנאנד. זיך אופגעכאפּט, האָט ער זיך נאָר באוויזן ארומוואשן, אָפּעסן און האָט זיך גלײַך גענומען צו דער ארבעט: די שיף האָט זיך געשטעלט אף דעמאָנט.

דאָ ניט לאנג האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט גריגאָרי, און מיר האָבן זיך דערמאָנט וועגן דעם אלץ, וואָס איך האָב דאָ דערציילט. דאָס איז געווען אפן באָרט פון „הארפון". ווי מע זאָל זיך ניט טשעפּען, וואָלט מען אף דער שיף ניט געקאָנט געפינען אפילע קיין סימען פון די שווערע ווונדן, וואָס זי האָט באקומען אין יור 1942. גריגאָרי קאָקא האָט געהאלטן אין צונויפּאקן זײַנע זאכן. ער האָט זיך געקליבן צו פארלאָזן די שיף, וואָס איז אים פאר די פיר יאָר געוואָרן ווי אן אייגענע היים. דער קאוואלער פונעם נאכימאָוו־אָרדען און פונעם אָרדען „רויטע פאָן" קאפּיטאן פון 3 ראנג גריגאָרי קאָקא איז באשטימט געוואָרן פארן קאָמאנדיר פון איינעם פון די באריםטסטע שווארציאמישע עסמינצעס.

1942 — 1945

שווארציאמישער פלאָט